ווייל אמאל איז קאכן געווען אין גחלים, און די גחלים דארף מען פון צייט צו צייט טשארן אז ס'זאל ווערן צוריק שטארק הייס, ווייל די אש שטערט די אקסידזשען פון אנקומען צו די פייער און אים געבן חיות. סאו די שיטה איז, אביסל ארומרוקן מיט די קוילן אז די אש וואס איז שוין אינגאנצן אויסגעברענט זאל אראפפאלן, ס'זאל קענען אנקומען לופט צו די פייער, און הייבט זיך אן די פייער צוריק קאכן. און דעמאלטס איז ער עובר אויף מבעיר, און אויך לכאורה אויף מבשל, ווייל ער קאכט יעצט שבת, ער מאכט אז די פלאם זאל זיין העכער שבת.

ווער ס'מאכט א גריל מיט קוילן ווייסט פון דעם. יא, ס'איז א זאך וואס מ'דארף כסדר, יעדע שטיק צייט דארף מען געבן א מיש, וואטעווער מ'דארף טון.

זאגט דער רמב"ם, וואס זענען די דרכים ווען דארף מען טאקע אזוי חושש זיין? דער רמב"ם גייט ברענגען פארשידענע דוגמאות, באט איך וויל עס זאגן פארדעם אויסנווייניג, איך מיין אז ס'וועט זיין גרינגער. אז ווען מ'דארף חושש זיין איז ווען דער מענטש וויל, האט אן אינטערעס צו מישן אז ס'זאל ווערן הייסער, דעמאלטס איז מען חושש. סאו אויב איז עס אזא מין עסן וואס אויב ס'ווערט הייסער וועט עס ווערן נאך בעסער, ס'וועט זיין קריספי, איך ווייס, אדער אזעלכע סארט זאכן.

אבער למשל, ס'איז דא אבער אנדערע סארטן עסנס אדער סארטן מצבים וואס ס'איז נישטא קיין שום ריזן אז ער זאל מישן, אדער וואס עס גייט עניוועי דויערן זייער לאנג ביז עס וועט זיך קאכן, סאו דו גייסט נישט קיין סאך אויפטון מיט די ביסל מישן. אדער אז די מישן גייט ערגער מאכן. די רמב"ם גייט אויסרעכענען די אלע אופנים. יא?

יא, ס'איז דא לכאורה צוויי זאכן וואס דא איז א נייע זאך. מ'דארף לערנען די כללים אינעווייניג, אבער בעצם צוויי אנדערע תנאים. קודם כל, איז דא ערטער...

**כללי שהייה: תבשיל, פייער, און אויוונס**

**הלכה ג (המשך) – די דרכים פון שהייה: ווען מ'דארף חושש זיין**

## Speaker 1

איז דער רמב"ם זאגט, וואס זענען די דרכים? ווען דארף מען טאקע אזוי חושש זיין? איז דער רמב"ם גייט ברענגען פון פארשידענע גמרות, אבער איך וויל עס זאגן פארדעם אויסצובררייטערן, איך מיין אזוי וועט עס זיין גרינגער.

אז ווען מ'דארף חושש זיין איז דער מענטש וויל, האט אן אינטערעסע צו מישן אז ס'זאל ווערן הייסער, דעמאלטס איז מען חושש. סאו אויב איז עס אזא מין עסן וואס אז ס'ווערט הייסער ווערט עס נאך בעסער, ס'ווערט קריספי, איך ווייס, אדער אזעלכע סארט זאכן. אבער למשל אייער קען, אבער אנדערע סארט עסנס אדער סארט מצבים וואס ס'איז נישטא קיין שום ריזן אז דו זאלסט וועלן מישן, אדער וואס ס'גייט עניוועי דויערן זייער לאנג אז ס'זאל זיך קאכן, סאו דו גייסט נישט קיין סאך אויפטון מיט דעם ביסל מישן, אדער אז די מישן גייט ערגער מאכן, איז דער רמב"ם גייט אויסרעכענען די אלע אופנים. יא?

## Speaker 2

יא, ס'איז דא לכאורה צוויי זאכן וואס דו האסט געניילט. איך דארף קוקן די, מ'דארף לערנען די כללים אינעווייניג, אבער וועט זיין צוויי אנדערע דינים. קודם כל, איז דא א דין אין די תבשיל, רייט? נאר א תבשיל וואס האט עפעס, אויב דו זאגסט אז ס'איז נישט עפעס פארדינען פון די ווערן געקאכט מער אדער בעסער, דעמאלטס איז דא א חשש. און צווייטנס איז דא דינים אין די פייער. וועלכע סארט פייער מ'קען מחטא זיין, אדער מ'דארף מחטא זיין, אדער מ'קען נישט מסיר דאס. וועלכע מין אויוון, וועלכע מין פייער, וועלכע מין מחתה?

## Speaker 1

ניין, ס'איז דא אויסער דעם, ווען ס'איז דא אקטשועל גחלים, וואס איז כמעט נישט געבליבן גחלים, איז אויך דא עקסטערע טענה און עקסטערע מקום.

## Speaker 2

יא, אקעי, אקעי. יא, אמת, דאס גייסטו אים צולייגן. איך זאג נאר, באופן כללי איז דא א דין פון די תבשיל. נאכדעם, אפילו א תבשיל וואס האט א חשש, נאך אלץ דארף עס זיין אזא סארט פייער אדער אזא סארט אויוון וואס מ'קען חושש זיין. סאו דער רמב"ם'ס סטראקטשער גייט זיין, ער גייט אנהייבן געבן די תבשיל וואס איז אסור. נאכדעם גייט ער זאגן, אין די תבשיל זענען אסור אלע סארט אויוונס און סארט פייער פון יענע אויוון וואס מ'דארף חושש זיין. נאכדעם גייט ער זאגן וואס איז מיט א תבשיל וואס איז נישט בכלל א פראבלעם, וואס פארדינט נישט גארנישט. און די רמב"ם אזוי, קייצעט, הייבט ער אן אזוי:

**די רמב"ם'ס ווערטער: תבשיל שלא בישל כל צרכו**

**תבשיל שלא בישל כל צרכו**, א תבשיל וואס איז נאכנישט געווארן אינגאנצן געקאכט, ס'איז נאכנישט געווארן כל צרכו, **אדער חמין**, אדער הייס וואסער וואס איז נישט געווארן געקאכט כל צרכו, דא הייבט זיך אן... לאמיר לערנען קודם די שטיקל, אבער דא איז די שאלה וואס טייטש כל צרכו. **או תבשיל שבישל כל צרכו**, אדער א תבשיל וואס איז שוין יא געווארן אינגאנצן געקאכט, **אבל כל זמן שמצטמק יפה לו**, א גאנצע צייט ווען ס'ווערט בעסער. מצטמק מיינט ס'ווערט קלענער, ס'ווערט אזוי ווי למשל א גרויסע קוגל, ווי לענגער ס'איז אויפ'ן פייער ווערט עס מער קריספי און קלענער. יא, ס'ווערט אזוי, ס'ווערט טייט. מצטמק. די מיני עסן וואס ס'איז גוט פאר אים, דער מענטש וויל אז ס'זאל אויסקאכן א חלק פון די וואסער, ס'זאל זיין ווי מער קריספי וכדומה, די אלע זאכן **אין משהין אותן על גבי האש בשבת**, טאר מען עס נישט לייגן אפילו ערב שבת, עס לייגן און ס'זאל שהיה זיין, ס'זאל ליגן אויף די אש בשבת, **אף על פי שהניחן מבעוד יום**, אפילו מ'האט עס געלייגט פאר שבת.

פארוואס? **גזירה שמא יחתה בגחלים**, איז דא א חשש אז ער גייט מישן אין די גחלים. פארוואס? **כדי להשלים בישולו**, ביי די זאכן וואס זענען נאכנישט אינגאנצן געקאכט, וועט ער וועלן אז ס'זאל שוין זיין געקאכט, ס'זאל שוין זיין גרייט. **או כדי להצטמק**, אדער ווייל ער וויל אז ס'זאל זיין בעסער, ס'זאל זיין מער קריספי. **לפיכך**, סאו די זאכן זענען א פראבלעם.

**די עצות: גרוף וקטום**

סאו וואס איז יא די עצה? גיי איך דיר אריינזאגן, אז אויב האסטו יא א תבשיל שבישל כל צרכו, וויאזוי קענסטו עס יא לייגן אויף די פייער ס'זאל נישט זיין די גזירה שמא יחתה, וויאזוי מעג מען עס לייגן ערב שבת? איז די עצה אזוי: אום... זאגט ער דריי וועגן וויאזוי צו מאכן אז די פייער זאל נישט זיין אזוי גרינג צו מחתה זיין אדער אזוי ווייטער. הגם אז ס'איז דא אזא דרך הבישול וואס איז די איסור, אבער די פייער דארף אויך זיין א פייער וואס איז א פראבלעם. אויב מ'קען מאכן די פייער א פייער וואס איז נישט קיין פראבלעם, איז דא אן עצה. איז אום **גורף וחותא**, איין עצה איז ארויסנעמען די ברענעדיגע קוילן, ס'ארויסשארן פון דארטן, אדער צודעקן די ברענעדיגע קוילן. **כיסוי אש על קירה, באפר על גבי האורות הדקין.** ער דעקט צו די קוילן מיט אפר, מיט אש, אדער מיט ברעקלעך סחורה, איך ווייס, שטויב, וואס מאכט אז די פייער זאל ווערן אסאך שוואכער, און ממילא איז נישטא וואס מחתה צו זיין, אדער די מחתה זיין איז נישט אזא אויפטו. בקיצור, דאס גייט מאכן אז מען זאל נישט מחתה זיין.

אדער די אנדערע עצה איז, אויב איז א מצב אז די גחלים זענען שוין מער וויניגער אויסגעברענט, זיי זענען שוין איינגעשלאפן, וואס דעמאלטס זענען זיי אוטאמאטיש **הרי הן כמכוסות באפר**, דעמאלטס דארף ער נישט לייגן אפר, דעמאלטס איז דאס שוין אליין אפר אויב די קוילן זענען שוין אויסגעברענט.

אדער א פאל אז מען האט נישט געניצט געווענליכע קוילן פון האלץ, נאר ער האט געהייצט מיט שטרוי אדער מיט גבבא, וואס איז אנדערע סארט שטיקלעך העלצער פון די פעלד, **או גללי בהמה דקה**, אדער אפפאל פון בהמות, בהמה דקה, **שהרי אין שם**, אויב הייצט מען מיט די סארט זאכן, זאגט ער, אז די זאכן קען מען אנצינדן, ס'קען ווערן הייס, אבער נישט אויף די לעוועל, נישט אזוי ווי גחלים וואס נאכדעם וועט העלפן די מחתה זיין.

**היסח הדעת — נישט קיין זכר, נאר א מציאות**

אין אזא מצב וואס דו האסט שוין אוועקגענומען די פראבלעם פון מחתה זיין, גייט מען צוריק צו די געווענליכע הלכה אז מען מעג לייגן עפעס פאר שבת אז ס'זאל זיך קאכן אום שבת. ממילא, ערלויבט די משנה, לכתחילה מעג מען יא שהייה זיין, מאכן אז ס'זאל זיך ליגן. שהייה זיין מיינט זיך אויפהאלטן ערגעץ, מאכן אז די טאפ זאל זיך אויפהאלטן אויף די פלאם. פארוואס מעג מען? **שהרי הסיח דעתו מן התבשיל.** מיט דעם וואס ער האט ארויסגענומען די קוילן, אדער מיט דעם וואס ער האט עס צוגעדעקט צו מאכן אז די קוילן זאלן ווערן שוואכער, האט ער מסיח דעת געווען פון די תבשיל. ער האט געמאכט קלאר צו זיך, זיך צו דערמאנען, אדער ער האט געמאכט קלאר אז ער גייט נישט זוכן צו מאכן די תבשיל ווערן שנעלער אדער בעסער. ממילא, **לא גזרינן שמא יחתה באש**, איז נישטא די גזירה אז ער גייט מחתה זיין, קערן אין די אש.

היסח הדעת איז נישט קיין זייכער, נישט אז ער מאכט א סיין. כפשוטו, ס'איז אן אזא אופן וואס ער קען יעצט נישט סאלווען. אפילו טעארעטיש, ווען ער וואלט געהאט עפעס אן עצה צו מאכן די תבשיל אביסל בעסער, וואלט ער געקענט, אבער ער האט עס שוין פארמאכט, ס'איז שוין אויס, ער קען שוין נישט. מסיח דעת איז נישט קיין דין אין דעת, ער קען זיין אז ער איז גחלים עוממות, אזוי זעט מען ארויס ווייל מ'וועט זען שפעטער. איך מיין אז מ'קען, ס'איז דא א וועג צו מחתה זיין, ווייל ער האט עס ווערן אייזלער, אבער ס'איז מער, אין דעם אופן האט ער אפגעלאזט, ס'איז נישט איבערגעקוקט, ס'איז נישט קיין זייפה. מסיח דעת איז מיינט אז ער האט קלאר געשטעלט, ממילא גייט ער נישט מחתה זיין, ווייל ער האט עס שוין אוועקגעשטעלט ביי זיך אז דאס איז די מצב פון דעם טאפ.

ווייל מ'קען נישט, ס'איז נישט קיין זייפה, ס'איז נישט קיין אופן פון ענגליש, ס'איז שווערער, אלעס אין די וועלט קען מען, מ'קען אויף ברענגען אז דער רבונו של עולם זאל מאכן א נס און ס'זאל צוריק ווערן גארנישט, זייער גוט, ווייל אן אנדערע תנא קען מיר יא, אבער א דעה שטייט דא, א תנא קען מיר יא. די ווארט איז נישט, איך וויל נאר זאגן א פוקא וואס מענטשן מיינען סאמטיימס, וואס גריפה וקטימה איז א זכר בעלמא, ער לייגט א סיין אז היינט איז שבת און מ'טאר נישט גורף זיין, ס'איז נישט דאס, מ'מאכט עס אויף אופן, אויב וואלט מען דארט געקענט האבן א חלה טישטוך, א חלה דעקל וואס שטייט דערויף שבת, וואלט עס געקענט העלפן בכלל, אדער מ'שטעלט א שומר, אבער דאס איז נישט די וועג וואס די הלכה אפערעיט דא. ס'קען זיין אז ס'וואלט וואס געהאלפן, אבער ס'שטייט נישט דא. אויב איינער זאגט אז ער האט א סליחה און ער שטעלט א שומר, למשל, ווייל מ'לערנט מיט קינדער, און דארט איז דא א חשש מיעוטא, איז דא עפעס א זאך פון מ'קען שטעלן א שומר, דא זעט מען אז ס'איז נישט א שומר.

דא איז אלעס אבאוט אויב ס'איז די מין טאפ וואו ער האט נישט קיין סיבה צו מחתה זיין, אדער ער האט יא א סיבה, ווייל די תבשיל איז נאך מצטמק ורע לו, אבער ער קען נישט, אדער ער קען טעקניקלי, אבער ס'איז שוין אפגעלאזט, ס'איז שוין גענוג ווייט פון די, אין אנדערע ווערטער, אין די סיטואציע שטייט מען שוין נישט מער מיט דעם גאפל צו מחתה זיין, מ'לאזט עס, ס'איז שוין וואטעווער ס'איז איז עס. ער זאגט דא דעטן אויף **תבשיל שלא נתבשל כל צרכו**, דא דא דא די מפרשים לייגן צו וועגן די נושא פון וויפיל ס'דארף ווערן געקאכט, אבער די רמב"ם ברענגט ס'נישט, ס'איז לאמיר גיין ווייטער. ס'איז מאכל בן דרוסאי, אבער די רמב"ם ברענגט נישט די ענין פון מאכל בן דרוסאי דא. אקעי.

**הלכה ה — חילוקי אויוונס: כירה, כופה, תנור**

**במה דברים אמורים — נאר ביי כירה**

## Speaker 2:

**במה דברים אמורים?** יא. פארטש אנדערע זענען מער מקיל, אנדערע זאגן אז אפילו אויב ס'איז נאכנישט, אז אויב ס'איז שוין מאכל בן דרוסאי הייסט עס שוין נתבשל כל צרכו. יא. לאמיר גיין ווייטער. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **במה דברים אמורים**, די הלכה וואס מ'האט געזאגט אז ס'איז גענוג מיט א שוואכערע, מיט צוויי וועלכע וועג, די דריי די גמרא האט געזאגט פון מאכן אז מ'זאל זיין אביסל שווערער צו מחטא זיין, אדער מ'זאל נישט אויספעלן צו מחטא זיין, אז דאס איז גענוג, איז גוט **בכירה, שהבלה מועט**, א סארט אויוון וואס איז נישט זייער הייס, **שהבלה מועט**, וואס די הייסע לופט איז וויניג.

ס'איז דא דריי מיני אויוונס וואס די הלכה גייט אויסרעכענען: א **תנור** איז די הייסטע, און נאכדעם איז דא א **כירה** מיט א **כופה.** כופה איז אביסל שוואכער ווי תנור, און כירה איז די וויניגסטע הייס. תנור איז די היץ שטערקער, תנור איז געבויעט אז אונטן איז עס ברייט און אויבן ווערט עס שמאל, און אזוי האלט זיך אסאך פון די היץ.

**תנור — אפילו גרוף וקטום העלפט נישט**

סאו א תנור וואס איז אסאך א הייסערע היץ, דעמאלטס העלפט נישט אז ער האט געטון איינע פון די דריי עצות, אז ער האט ארויסגעשארט די אויבערשטע גרופה, אפילו ער האט ארויסגעשארט די קוילן, אדער כיפה באפר, ער האט צוגעדעקט די קוילן מיט אפר, אדער ער האט געהייצט די אויוון בקש ובגבבא, מיט שוואכערע זאכן, נישט קיין גחלים. פון דעסטוועגן דאך, **אין משהין בתוכה**, טאר מען, ווייל ס'איז א תנור וואס איז אסאך הייסער, טאר מען נישט משהה זיין בייסט אויף די תירוץ אז ער איז גורף געווען, טאר מען נישט משהה זיין **נישט בתוכה**, מ'טאר נישט אריינלייגן א טאפ אין די אויוון, און נישט נאר דאס נאר אויך **ולא על גבה**, נאך א וועג וויאזוי צו קאכן אדער וויאזוי צו אנהייצן זאכן איז צו לייגן אינדרויסן פון די תנור, **ולא על גבה**, און אויך נישט **סומך לו.** ס'איז דא דריי וועגן בעצם, מ'קען לייגן אויף די תנור, לעבן די תנור, אז ס'זאל ווערן הייס פון די וואנט פון די תנור, אדער אינעווייניג. טאר מען די אלע דריי זאכן נישט טון.

**קיין תבשיל שלא בישל כל צרכו**, א תבשיל וואס איז נאכנישט אינגאנצן געקאכט, **או שבישל כל צרכו ומצטמק ויפה לו**, א תבשיל וואס ס'איז דא א סיבה אז מ'זאל טראכטן אז ער גייט אפשר וועלן מחטא זיין אז ס'זאל ווערן בעסער, ווייל עס זאל ווערן געקאכט. טאר מען נישט אפילו ווען ס'איז געווען גרוף וקטום, אלע די זאכן. פארוואס? ווייל **הואיל והבלו חם ביותר**,

ווייל דער תנור איז זייער א הייסע זאך, איינער מסיח דעת, איז מיר נישט מסיח דעת, טאטש ווייל דער מאכל ווערט א גאנצע צייט געקאכט. קיצור, דארטן איז מער דער סדר אז מ'איז ירא חטא.

## Speaker 1:

ס'איז נאך דא אין דעם תנור געגוג היץ פון די ניצוצות פון די וואטעוועך וואס דו בלאזסט ארויף, אז ס'העלפט. יא, ס'איז נאך דא וואס מחמיר צו זיין. מ'איז מחמיר חומרא, ס'איז נאך דא וואס מחמיר צו זיין.

**שיעור בהלכות שבת – פרק ג: השהיה על האש**

**הלכה ה-ו: תנור – פארוואס גרוף וקטום העלפט נישט**

טאר מען נישט, אפילו ווען ס'איז געווען גרוף וקטום אדער די זאך. פארוואס? ווייל הואיל והאבלו חם ביותר, ווייל דער תנור איז א הייסע זאך, אינו מסיח דעת, איז מען נישט מסיח דעת. דאס הייסט, ווייל דער מאכל ווערט א גאנצע צייט געקאכט.

קיצור, דארטן איז מער דער סדר אז מ'זאל יא מחטא זיין. ס'איז נאך דא אין דעם תנור געגוג היץ פון די ניצוצות, פון די וואטעוועך, ס'בלייבט, און ס'העלפט. יא, ס'איז נאך דא וואס מחטא צו זיין. ממילא, חוששין מיר נאך אלץ, חוששין שמא יחתה בגחלים, אפילו אויב ער האט גורף געווען, ער האט ארויסגענומען די קוילן, אבער עפעס קוילן בלייבט אייביג. מ'זעט אויך שפעטער אז אפילו ווען מ'גרעבט... ס'מאכט סענס, ווייל ס'זעט נישט אויס אזוי ווי אונז. מסתמא זעט מען בכלל נישט די פלאר אין אזא פלאץ. ס'איז אן אשיגע פלאץ וואו מ'האלט אין איין לייגן קוילן, סאו ס'בלייבט עפעס אייביג קוילן, אפילו ווען מ'שארט ארויס און מ'לייגט נייע קוילן, איז נאך עפעס קוילן בלייבט. ממילא, דארט איז דאך א חשש.

וואס? דער רמב"ם געבט דריי ליינס פאר די שאלה וואס דו ווילסט וויסן וואס בלייבט אהער. **"חוששין שמא יחתה בגחלים, ואף על פי שהאש מעוטה, או שהיא אש קש וגבבא"**. אפילו אויב מ'האט געשמועסט אז ס'איז א... דאס איז אן אש... ניין, קודם רעדט ער וועגן די צווייטע צוויי חלוקים, ווען מ'דעקט עס צו מיט עפר אדער ווען מ'מאכט מיט קש וגבבא. איז אפילו דארטן איז דא א שוואכערע פייער, וואס לגבי כירה וואלט עס געווען געגוג, אבער ס'איז דאך נישט... אדער אפילו אויב ס'איז באדעקט, איז דאך דא דארטן א פייער, האבן מיר מורא ער וועט מחטא זיין.

איי, וואס איז די רמב"ם פארשטייט זיך מיט גרוף? גרוף מיינט אז מ'האט ארויסגענומען די קוילן. פארוואס האט מען ביי א גרוף אויך נאך אלץ מורא שמא יחתה? **"לפיכך אסרו להשהות בתנור אף על פי שגרוף"**. סאו דער רמב"ם, **"שגורף אינו גורף אלא רוב האש בלבד, ואי אפשר לגרוף כל האש עד שלא תשאר ניצוצות אש, ומפני שהבלו חם, אפשר שיחתה בגחלים"**. מ'קען אים נישט ארויסשארן אלע פייער אז ס'זאל נישט בלייבן אביסל קוילן, א פינק. און מפני שהבלו חם, ווייל ס'איז אזוי הייס, איז דארטן אין אזא היץ מאכט סענס אז אפילו די ביסל קוילן און שארן וועט העלפן. ס'זעט אז עס איז אין א כירה, איינמאל ס'איז שוואכע קוילן, אדער ס'איז נאר געבליבן א טראפ, וועט ער גארנישט אויסמאכן דיין שארן, ממילא איז מותר דאס. אבער א שטארקע תנור, אפילו די ביסל מחטא זיין און די ביסל וואס איז נאך געבליבן אדער אין די צוגעדעקטע קוילן וועט העלפן, ממילא וועט ער יא האבן א סיבה צו ווערן מחטא זיין, ממילא טאר מען נישט אין א תנור מיט די אופנים.

וויאזוי מעג מען יא אין א תנור? ער האט עס נאכנישט דערווייל געזאגט, מיר וועלן זען שפעטער, אפשר וועט דער רמב"ם נאך זאגן. און יעצט זאגט ער, יעצט גייט ער רעדן, אז די היתרים העלפן נישט. די דריי היתרים וואס איז דא אויף כירה העלפן נישט אויף תנור.

**שאלה: אויב מ'קען יא גורף זיין די כל האש?**

עס קען גראדע זיין אויב איינער האט יא א וועג צו גורף זיין די כל האש, לאמיר זאגן ער האט א מער פענסי תנור וואס מ'קען ארויסנעמען די גאנצע טאץ פון אונטן, איך ווייס נישט, איך האב נישט קיין אנונג וואספארא אמאל'יגע תנורים ס'איז געווען, אבער לכאורה איז דאס אמת, תנור איז אזא סארט אופן וואס מ'קען נישט, וואס ס'בלייבט אלעמאל עפעס, און ממילא האט דאס א חשש גריפה, וואס נאך אלץ טו איך עפעס וואס איך דארף מחטא זיין, און ס'איז נישטא קיין שום וועג מחטא צו זיין, איז דאס מותר אפילו א תנור. איך ווייס נישט, קיין גרויסע קושיא איז דאס נישט.

אדער די גזירה דרבנן, לכאורה. לכאורה איז דאס נישט פון די מיני זאכן וואס די חכמים וואלטן גוזר געווען בכל אופן. איך פרעג נאר, אפשר וועגן דעם זאגט דער רמב"ם אין תנור, דער תנור איז געווארן א דבר אחר. איך פרעג נאר, וועגן דעם געבט דער רמב"ם די גאנצע אריכות, וואס געבט ער מיר א טעם? ס'איז לשון הרמב"ם, א קשיא אויף די הייליגע חכמים וואס האבן גע'אסר'ט. ער מיינט דאס מסביר צו זיין, ווייל געווענליך ווען מ'איז גורף איז מען נישט גורף די גאנצע, ממילא מיינט ער דאס צו זאגן אפשר די הלכה, אז אויב מ'וועט טרעפן א וועג צו יא גורף זיין יעדע לעצטע שטיקל ניצוץ וועט יא זיין. אפשר דער רמב"ם מיינט דאס צו זאגן להלכה, ווייל די פראבלעם דא איז אז איך גלייב נישט אז אין די רמב"ם'ס צייטן האט מען געניצט די זעלבע ווארט תנור, כירה, כופה, דארף מען קודם כל יעדער איינער מדמה זיין זיין אויוון און עס לייגן אין די קאטעגאריעס. קען זיין אז דער רמב"ם האט גע'באדערט די זעלבע וואס באדערט יעדער איינער וואס לערנט די סוגיא, וואס האב איך מורא שמא יחתה, ער איז דאך גורף געווען.

און ער זאגט דיין שאלה צו אזא מין תנור איז דאס מותר, קען זיין אז אונז וועלן מיר בכלל זאגן אז דאס האט נישט א נאמען תנור, דאס האט א נאמען כירה. אויב איז דאס זיין מציאות פון פייער דארטן אונטן איז דאס נישט דא קיין סאך געבליבענע אלטע גחלים. מ'דארף רעדן וועגן די היינטיגע אויוונס וכדומה. אבער ס'איז נישט ממש א שאלה הלכה למעשה, אבער איך וויל זאגן א כלליות'דיגע הערה וועגן דעם. אונז דארפן אביסל שמועסן, קען איך שוין אנהייבן.

**דיגרעסיע: דער רמב"ם'ס שיטה אין פסיקה – נישט צושטעלן צו נייע מציאות'ן**

## Speaker 1:

סאו, דו זאגסט א זייער אינטערעסאנטע זאך. דער רמב"ם, למשל, איך ווייס נישט וואס איז געווען בזמן הרמב"ם, קען זיין אז בזמן הרמב"ם איז דאס יא געווען, אבער ס'איז זיכער אז דער רמב"ם וואלט נישט געקערט, ווייל דער רמב"ם כמעט קיינמאל נישט זאגט, "בזמן הזה שאיננו משתמשים בכלי פלוני של הגמרא, נאר מיט עפעס א נייע כלי, איז די הלכה אנדערש." ווייל דער רמב"ם קוקט זיך אן אז ער איז סך הכל א סאמערי פון תורה שבעל פה. ער דארף זאגן אפילו די דוגמאות. איי, די דוגמאות איז אפשר נאר וואס איז פונקט דעמאלטס געווען, אבער אזוי איז די תורה שבעל פה געווארן, לויט די דוגמאות וואס איז געווען בזמן המשנה. דער רמב"ם ברענגט אלעמאל די זמן המשנה.

ס'האט מיר דערמאנט די משנה ברורה. דער חפץ חיים האט געשריבן א ספר משנה ברורה אויף הלכות אורח חיים, הלכות וואס זענען נוגע למעשה, און ער האט נישט געשריבן קיין איין מאל נישט, נישט אויף שבת, נישט אין ערגעץ נישט, די הלכות פון נייע טעכנאלאגיע וואס איז דא נאר היינט. און פארוואס? מענטשן זאגן ווייל ער האט מורא געהאט זיך אריינצומישן, ס'איז נאך געווען ניי, ער האט נישט געוואלט מכריע זיין אין א מחלוקת צווישן די רבנים. אבער ס'קען אויך זיין א טיפערע ריזען, אזוויי דער רמב"ם. ער וויל נאר ברענגען, די משנה ברורה'ס דזשאב איז געווען צו ברענגען נישט נאר די משנה, אויך די אחרונים. ער וויל זאגן וואס די הלכה איז. צוצושטעלן צו א קעיס, דאס איז די דזשאב פון א רב, דאס איז נישט די דזשאב פון א הלכה ספר.

איך וועל אפשר צולייגן, דער רמב"ם האט א ספר "מחנה ישראל", דאכט זיך אזוי הייסט עס, הלכות וואס קענען זיין נוגע פאר א איד וואס גייט אין מיליטער. און אין אזא פלאץ דארף ער אריינלייגן אלע מיני פראקטישע, אזא מין גאלמעסער מעג מען יא נוצן, און אזא מין גאלמעסער נישט, ווייל דאס

איז א פראקטישע ספר. אבער משנה ברורה האט ער נישט געוואלט ארויסגעבן.

אזוי ווי איך האב נעכטן געזאגט אז ר' שלמה זלמן אויערבאך האט געזאגט אז די עלעקטריק איז אזוי, אקעי, האט ער געזאגט, אבער מ'קען נישט מאכן פון דעם א כלל, ווייל ער האט נישט די כח, ער איז נישט קיין חכם, מ'האט נישט די כח צו מאכן א נייע כלל אין הלכה.

**דיסקוסיע: היינטיגע אויוועַנס און דער ענין פון בלעך**

## :Speaker 2

איך מיין, די אלע זאכן זענען גאנץ שווער, ווייל למשל, אויב איינער וועט וועלן קאמפעירן היינטיגע אויוועַנס צו דעמאלטסדיגע אויוועַנס, וועט נישט זיין גענוג אז ער גייט רעכענען די אמאונט פון היץ, נאר אויך די "שמא יחתה", אויב ווערט עס זייער גרינג, ווייל מען קען מיט א קליינע קנעפל, אפשר ווערט די "שמא יחתה" אסאך הארבער.

## :Speaker 1

איך וויל דא זאגן, איך וויל זאגן אז א שטיקל סילווער פויל העלפט, וואס ליגט דארט, ווערט עס נישט אזוי...

## :Speaker 2

אויב ס'איז אזוי גרינג צו מחטא זיין, מען דארף פרעגן רבנים. אבער על כל פנים, וואס עס שטייט, אויב וואס מיר האבן א נייע גזירה, איז אן אנדערע זאך. אבער לויט וואס עס שטייט אין די תורה, אין די חכמים, אין די שולחן ערוך, און אין די פוסקים, איך מיין צו זאגן אין די פריערדיגע פוסקים, איז אז ס'איז דא א חשש "שמא יחתה", וואס איז געזאגט געווארן אויף די אופן גחלים. ס'שטייט נישט אין ערגעץ נישט "שמא יוסיף", "שמא למדורה", "שמא" צו מאכן גרעסער די פייער. סאו, בפשטות, ס'איז דא ענליכע זאכן, אבער ס'איז נישט דא די ערשטע שיעור.

**דער בריסקער רב'ס שיטה**

בפשטות, און איך האב געהערט אז דער בריסקער רב האט אזוי געהאלטן, ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס מענטשן מאכן א בלעך אין די היינטיגע אויוועַנס, ווייל ס'איז נישט דא קיין שום קולא, ס'איז נישט דא וואס מחטא צו זיין. אונז פירן זיך, יעדער, איך מיין אלע אידן וואס איך קען פירן זיך צו לייגן א בלעך שבת אויף די אויוון, איך האב נישט קיין עין הרע אויף דעם. איך כאפ נישט די געדאנק.

**דער יסוד פון "שמא יחתה"**

אבער נאכאמאל, די חז"ל האבן אונז געזאגט אזוי, ספעציעל מיט די רמב"ם'ס פרעימינג, מען מעג טון מלאכות ערב שבת, אויסער מיני מלאכות וואס ס'איז דא א חשש אז אום שבת גייסטו נאך עוסק זיין אין דעם. און אז דו לייגסט א טאפ אויפן פייער, איז דא די ענין פון "מצטמק ויפה לו", וואס חז"ל האבן אויף דעם געזאגט אז ווען דו ווילסט דיין תבשיל זאל זיין בעסער, האב איך מורא אז דו גייסט רוקן מיט די פייער. רוקן נישט, ס'איז נישט די מורא אז דו גייסט מאכן די פלאמען אביסל העכער. רוקן, מען מאכט עס נישט געוועהנליך. דו זאלסט פארשטיין, די חתיה איז אזוי ווי ווער ס'מאכט א בארביקיו ווייסט, חתיה איז א זאך וואס מען טוט כסדר. ער זאגט שבת, איך רעד נישט צו קאכן, אבער די נארמאלע אופן פון קאכן איז אז יעדע צוואנציק מינוט גיבט מען א קוק און מען רוקט. ס'איז נישט די נארמאלע אופן פון קאכן אז מען יעדע צוואנציק מינוט דרייט מען ארויף די פייער. דאס איז נישט ווי מען קאכט געוועהנליך.

און מען רעדט נישט נאר פון א בארביקיו וואס ס'נעמט צוויי מינוט צו קאכן. מען רעדט פון דא, ס'איז א פלינגערע בארביקיו. רייט, ס'איז א פלינגערע בארביקיו. גחלים, ווען מען קאכט מיט גחלים, גחלים איז א זאך וואס ס'איז דאך בעיביסיטינג, מען דארף עס בעיביסיטן כסדר. היינטיגע אויוועַנס איז נישט קיין זאך וואס מען דארף בעיביסיטן כסדר. מען דארף עס בעיביסיטן, ס'זאל נישט, איך ווייס, ס'זאל נישט פארברענט ווערן, א זאך א זאך, אבער נישט מען דארף די גאנצע צייט פיקסן די פייער. סאו די גזירה פון גחלים איז נישט דא אויף די היינטיגע אויוועַנס, וויפיל איך קען פארשטיין.

**דער בלעך איז א זכר**

ס'איז דא א נייע גזירה פון די מנהג ישראל אז מען לייגט א בלעך, יענע בלעך איז מער אזוי ווי זכר, ס'איז מער אזוי ווי א סיין, צו געדענקען אז ס'איז שוין דא וואס מ'טאטשט נישט. איך בין נישט אינגאנצן מסכים, ווייל מיר זעט אויס אז איינמאל די חכמים האבן געזאגט אז ווען ס'איז דא א חשש אז א מענטש זאל האבן אן אינטערעס צו מאכן מבעיר אדער מבשל אז זיין עסן זאל ווערן בעסער אדער שנעלער אדער בעסער אדער מער מצומק וכדומה, דארף מען חושש זיין, און דער פאל פון די גמרא איז גחלים. אבער דאך, פונקט אזוי אז א מענטש וועט וועלן אז זיין תבשיל זאל ווערן אביסל הייסער, גייט ער דאס טון. די אלע אנדערע זאכן וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט, איך ווייס נישט, ער לייגט דארט נישט די רוב המאכלים, האבן אונז נישט מורא. אבער ווען ס'האנדלט זיך מיט זיין תבשיל וואס עס גייט ווערן בעסער, האב איך מורא. אין די גמרא ווערט עס גערופן "שמא יחתה בגחלים". איך וועל עס רופן, ער גייט מאכן אביסל העכער די פלאם.

**קאונטער-טענה: אבער מ'קען דאך ארויפדרייען די פלאם**

## :Speaker 2

אויב מ'קען נישט טוישן די פלאם, אפשר ביסטו גערעכט. אז דו זאגסט אז דער מענטש לייגט יעדע וואך אויף די עקזעקט סעים פלאם, אקעי, דארפסטו וויסן אז דאס הייסט אזוי ווי "אמאי מיגז גחלים".

## :Speaker 1

אבער א נארמאלע זאך, א מענטש מאכט סאפער, און מ'מאכט טשאלנט אינמיטן נאכט, פלוצלינג קומט ער אריין אין קאך, "אוי, איך קען באשטיין די טשאלנט זאל זיין נאך מער איינגעקאכט". די הייליגע חכמים האבן געזאגט פונקט פארקערט, פון דיר וואלטן זיי געזאגט אז אפילו ווען ס'איז יא דא וואס נאך אויפצוטון מיט די טאפ, איז עס מותר ווי לאנג ס'איז נישט דא קיין חשש שמא יחתה. אין זייערע צייטן האט מען אויך געקענט ברענגען און צוברענגען נייע קוילן פון אינדרויסן. פונקט אזוי ווי מ'קען היינט... וואס איז א חילוק? ס'איז די זעלבע זאך! ס'איז נישט די נארמאלע סדר! איך האב דיר געזאגט, ס'איז נישט די נארמאלע סדר פון קאכן צו שטיין און ארויפרוקן די נאב. ס'איז נישט די נארמאלע סדר. די נארמאלע סדר איז אז מ'צינדט אן די פלאם.

## :Speaker 2

דו האסט דאך אראפגעשטעלט א הלכה אז דער חשש שמא יחתה איז דא אן ענין, אזוי ווי ביי א גריל וואס דו ווייסט פון איך ווייס נישט, איך ווייס דא א זאך ווי א טאנער, און ס'איז דא א זאך אז דער טאנער זאל ווערן הייסער כדי דער עסן זאל ווערן מער געקאכט. און אזוי איז דאך דא היינט אז א מענטש וויל אז די טאנער זאל ווערן הייסער כדי ס'זאל ווערן מער געקאכט, ממילא איז דאך א חשש שמא יחתה. און ס'איז נישט דא קיין חשש שמא יחתה, און אין הלכה שטייט קלאר אז ווי לאנג ס'איז נישט דא קיין חשש שמא יחתה, איז מען נישט מורא אויף עפעס אנדערש. א גוי האט נישט קיין אינטערעס אז אונז זאל מען נאכגעבן אזא זאך אין הלכה. דאס הייסט, דו האסט געלערנט אז וואס איז גרופה וקטומה, און די אלע אופנים וואס אונז לערנען, איז עקזעקטלי ווען די תבשיל איז יא א תבשיל וואס ער קערט דערוועגן נאך, ואם כל זה, וויבאלד אז ס'איז נישט, אפילו אז מ'קען טעקניקלי יא, אבער ס'איז נישט איינגעפירט, ביי עקירה איז נישט איינגעפירט אז מ'גורף, פלאמעס? יא, אנגעפירט טאקע. מענטשן רוקן נאך, אראפגעמאכט אראפ לויט די היתר. אבער דא ס'איז א נייע איסור! איך האב דיר געזאגט: אויב דו האסט עס נישט געטוישט פון גחלים צו אן אנדער מין פייער, ס'איז די זעלבע פייער און די זעלבע טאפ.

## :Speaker 1

נאכאמאל, דער חילוק פון גחלים און אן אנדער מין פייער שטייט אין די משנה. אויב ס'איז אן אנדער מין פייער, איז עס מותר. אויב ס'איז בקש קש

גבבא וכדומה, די אנדערע תנאים, ודאי, דאס וואס ס'שטייט, ס'איז נאר דא א איסור שבות, ס'איז נישטא קיין...

**פרק ג: השהיה על האש בשבת — כופח, תבשיל חי, ועצת אבר חי**

**הלכה ז: כופח — הממוצע בין כירה לתנור**

## Speaker 1:

און ביי פלאמעס איז יא איינגעפירט טאקע, ס'איז דא אסאך מענטשן רוקן ארויף און אראפ, לאז די היץ זאל ארויפגיין.

אבער דאס איז א פוינט, דו זאגסט א נייע איסור, איך האב דיר געזאגט, ער האט געזאגט...

## Speaker 2:

אבער דו האסט זיך געטוישט פון גחלים צו אנדערע מין פייער, ס'איז די זעלבע פייער און די זעלבע טאפ.

## Speaker 1:

נאכאמאל, די חילוק פון גחלים מיט אנדערע מין פייער שטייט אין די משנה, אויב ס'איז אנדערע מין פייער איז עס מותר, אויב ס'איז מכוסה גרוף וכדומה איז עס מותר. ודאי, דאס איז וואס ס'שטייט. ס'איז נאר דא א איסור, און איך האב דיר געזאגט אז ס'איז נישטא קיין נייע איסורים. איך האב דיר געברענגט א קלארע דוגמא אז חיתוי איז א זאך וואס מ'טוט כסדר, דאס וואס דו זאגסט אז זיי האבן געמאכט א נייע גזירה איז נישט קיין זאך וואס מ'טוט כסדר, דאס איז די זאך וואס זיי מחמיר, אבער דאס אז זיי זענען מחמיר איז ווייל א מענטש האט אן אינטערעס. דאס איז סתם א חשש חילול שבת, אויב א מענטש זעט אז ער איז נישט שלו זאל ער מאכן א גדר, אבער ס'איז נישטא קיין גזירה פון די רבנן.

לכאורה, איך זאג מיין שיטה, אפשר קענסטו האבן א חילוק, אבער ס'זעט מיר אויס די בירור פון די הלכה אז ס'איז נישטא אזא גזירה אז יעדע זאך וואס וועט בעסער ווערן דארף מען חושש זיין. ס'איז נאר דא א גזירה מיט גחלים וואס איז איינגעפירט, און די נארמאלע סדר איז אז מ'האלט אז מ'איז מחטא צו זיין, און מ'דארף האבן א ספעציעלע שמירה נישט מחטא צו זיין.

## Speaker 2:

נישט מסכים. ווייטער.

## Speaker 1:

דו דארפסט נישט מסכים זיין, מ'האלט איך געךעכט.

## Speaker 2:

ס'איז מיר אויס ממש די זעלבע, ממש. אלע פעלער קען איך הערן, אבער ס'זעט מיר אויס ווי די היינטיגע שמירה פון חיתוי איז אז דו גייסט אביסל רוקן די פלאמען. און ס'זעט מיר אויס ווי א זאך וואס איז א דבר הרגיל. ווען א מענטש וואלט ווען געלייגט א טאפ אינמיטן די וואך, וואלט ער אינמיטן אריינגעטשעקט וויפיל וואסער ס'איז נאך דא אין די טשאנט, און ער וואלט ארויפגערוקט און אראפגערוקט. שבת קען עס אויך זייער גרינג געשען. דארף מען זען באפן אז מ'זאל עס טון מיט אן עצה, עפעס וואס א מענטש זאל לייגן דארט א שטיקל סילווער פויל, ס'זאל זיין אזויווי מסיח דעתו, ס'זאל זיין אזוווי גרוף וקטומה.

## Speaker 1:

דאס איז נישט, ווייל דאס וואס דו זאגסט מסיח דעתו איז א פראקטישע זאך. אויב די סילווער פויל... לאמיר זיין קלאר, אויב דיין שיטה איז גערעכט, דעמאלטס די סילווער פויל העלפט גארנישט.

## Speaker 2:

פארוואס זאל נישט זיין קיין מין עצה פון גרוף וקטומה? מ'גייט נישט יעצט הייסן יעדן איינעם זאל צוברעכן זיין אויוון.

## Speaker 1:

זייער גוט, ס'איז נישט קיין אויוון ווייל ס'העלפט נישט. גרוף וקטומה מיינט יעצט קען מען כמעט שוין מער נישט מחטא צו זיין, אדער דאס איז שוין נישט קיין סארט פייער וואס מ'קען מחטא זיין. דאס מאכט א ווייכערע מאן, לייגט אריין א סאפטערע קאודער. אבער דו מאכסט א נייע איסור, דו מאכסט א נייע איסור, דו מאכסט א נייע איסור מיט א נייע היתר.

איך האב נישט קיין טענות, יעדער איד איז מחוייב אויב ער זעט אז ס'איז נישט, זאל ער מאכן אוודאי גדרים וסייגים, ס'זאל זיין א שיינע זאך, אבער ס'איז נישט די הלכה, ס'איז א נייע זאך.

## Speaker 2:

אקעי, לאמיר גיין ווייטער.

**קריאה והסבר: כופח — הבל ממוצע**

## Speaker 2:

זאג די הלכה ווייטער. א כופח איז די ערשטע וואס איך האב געזען די מחלוקת מצוה, וואס ער גייט מיר נישט פאר קשוועוצן די ליכטיג. אקעי, נאכדעם, א מינוט, האסטו גערעדיגט וועגן כירה, נאכדעם איז דא א תנור וואס איז איין רייד, און דא איז עפעס אינצווישן. כופח איז די הלכה איז די מידיום צווישן, די דרך הממוצע צווישן תנור און כירה.

**כופח הבלו רב מהבל הכירה ומועט מהבל התנור.**

כופח איז די היץ, ער האלט היץ מער ווי א כירה, אבער ער האלט היץ ווייניגער ווי א תנור. ממילא, וואס איז די הלכה? די הלכה איז טאקע האלב און האלב. אויף פלעצער וואס מ'איז מחמיר איז דא פלעצער וואס מ'איז מקיל.

**לפיכך אם הסיקוהו בגפת ובעצים — הרי הוא כתנור, ואין משהין בתוכו ולא על גביו ולא סומכין לו תבשיל שלא בשל כל צרכו או מצטמק ויפה לו, אף על פי שגרף או כיסה באפר.**

אבער גבי עצים, וועט דאס געהעריגע גחלים וואס מ'מאכט געוועגליך פון סארטן, וואס טייטש גפת? איך ווייס נישט. עפעס פסולת פון... פסולת פון זיתים זאגט ער דא. אה, פון זיתים. אה, עפעס וואס האט אין זיך אויל, און בקיצור ווערט זייער שטארק, ס'קאכט זיך גוט. ס'איז א סארט פייער בעצם. יא, און בעצם ס'איז א רעכטע תנור, ווייל דעמאלטס איז עס זייער הייס, איז עס אזוי ווי א תנור. ממילא, בקיצור, די הלכה איז אזוי ווי א תנור, אז וואס? אז מ'טאר נישט לייגן אויף דעם אדער לעבן דעם א תבשיל שלא בישל כל צרכו, אדער מתחמם ורע לו. א תבשיל וואס ס'איז דא א סיבה אז מ'זאל טראכטן אז ער גייט מאכן מחיתה זיין. אפילו פשוט גאר א פקק סעודה, אפילו רעדט נישט העלפן, אזוי ווי ביי א תנור העלפט עס נישט.

**ואם הסיקוהו בקש או בגבבה — הרי זה ככירה שהסיקוה בקש ובגבבה, ומשהין עליו.**

אבער אויב האט מען עס אנגעהייצט בקש ובגבבא, מיט שוואכערע גחלים, איז דעמאלטס איז די היץ שוואכער, מ'קען עס דן זיין אזוי ווי א כירה שהסיקוה בקש ובגבבא, און מותר לנו, מ'מעג יא ארויפלייגן ערב שבת דערויף זאכן.

**דיון: סמיכה לכירה ולכופח**

## Speaker 2:

וואס טוט זיך מיט אנליינען אויף א תנור? האבן מיר געלערנט אז אנליינען אויף די תנור איז אזוי ווי לייגן אין די תנור, ווייל ס'איז אזוי הייס אז אויך לייגן לעבן די תנור גייט געבן געגוג היץ. וואס טוט זיך מיט אנליינען אויף א כירה? ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האט עס נישט אויסגערעכנט צווישן די הלכות פון כירה. יא, ער זאגט עס דא. אקעי.

**ומותר לסמוך לכירה מבערב.**

אנליינען אויף א כירה מעג מען יא ביינאכט, אפילו ס'איז נישט איינע פון די אלע חששות. "מערב" דיינע פון פאר שבת. מערב שבת, פון ערב שבת. די

אלע חששות פון... אה, ער רעדט נאך בכלל נישט וועגן לייגן אום שבת. דאס איז דאך שפעטערדיגע הלכות.

### Speaker 1:

א כירה, לייגן פון דרויסן סמוך זיין אויף, הייסט נישט... ס'איז בכלל נישט קיין שאלה.

### Speaker 2:

נאך א חילוק פון כירה און כופח. די ערשטע חילוק איז אז אויף כירה העלפט גרופה וקטומה וכו' די אלע דריי תנאים, און אויף א תנור העלפט עס נישט. נאך א חילוק איז אז אויף א תנור טאר מען נישט סומך זיין, און אויף א כירה טאר מען יא סומך זיין. וואס איז מיט א כופח, מעג מען סומך זיין? ער זאגט אז מ'טאר נישט. מיר האבן דאך יעצט געלערנט אז מ'טאר נישט. ס'וועגדט זיך. אויב א כופה איז בגודל תנור, טאר מען נישט סומך זיין. אויב איז עס בקש ובגבבא, מעג מען יא סומך זיין, אזוי ווי א כירה. לכאורה די זעלבע דין. וויאזוי איז כירה, וויאזוי איז כופה. מיר וועלן זען וואס דאס איז די צווייזאכן.

**הגדרות: כירה, כופה, תנור**

### Speaker 2:

**ואי זו היא כירה ואי זו היא כופח? כירה מקום שפיתת שתי קדירות, וכופה מקום שפיתת קדירה אחת.**

כירה האט מקום שפיתת שתי קדירות. איז א תנור וואס אויבן איז דא פלאץ פאר... וואס טייטש די ווארט שפיטה? איך ווייס נישט. לייגן צוויי טעפ. אנלייגן א טאפ הייסט שפיטה. ס'איז מסתבר, ס'ליגט איינגעקלעמט אין די ווארט קדירות. ניין, שפיטה איז טייטש די פעולה פון לייגן א טאפ אויפן פייער הייסט שפיטה. די זייט שפיטה. המודה, זעסט? שכר שפיטה. המודה, נישט המודה. מיינט אויף יעדער זאך. ס'איז דא ווערבס וואס גייען נאר אויף געוויסע אביעקטס. אזויווי בוצר, למשל.

### Speaker 1:

רייט, מ'האט גערעדט.

### Speaker 2:

תפילת שפיטה הייסט ארויפלייגן א טאפ אויפ'ן אויבן, דאס הייסט שפיטה. כופח איז א מקום וואו מ'קען לייגן איין קדירה. תנור איז א דורכגאנג וואס סתם א מענטש האט געוואוסט. תנור איז פשוט. תנור איז א גאנצע פארמאכטע, דאס זענען אפענע זאכן מער. דאס איז דער חילוק. א גאנצע תנור דארף האבן עפעס לופט אויבן ארייננצולייגן די זאכן. אבער כופח איז דער חילוק נאר אז ס'איז קלענער, ס'איז מער צוזאמען מיט די היץ. לכל הפחות דאס איז די נקודה.

**הלכה ח: תבשיל חי ומצטמק ורע לו — קיין חשש שמא יחתה**

**קריאה והסבר: תבשיל חי מותר להשהות**

### Speaker 2:

איז עד כאן האבן מיר געלערנט וועגן א תבשיל וואס מ'האט פון דעם עפעס אז ס'גייט ווערן מער געקאכט, מצטער. אבער יעצט גייט מען רעדן וואס איז דער דין פון די אנדערע סארט תבשיל. די אלע הלכות פון שמא יחתה איז ווען א מענטש האט אן אינטערעס צו מאכן הייסער. אבער א זאך וואס א מענטש האט נישט קיין אינטערעס, איז נישט דא די חשש שמא יחתה.

זאגט דער רמב"ם אזוי, ביז יעצט האבן מיר געלערנט מצד די תנור, יעצט רעדן מיר מצד די עסן.

**תבשיל חי, א רויע עסן וואס איז נאך נישט געווארן בכלל געקאכט, אדער עפעס וואס איז געווארן געקאכט און יעצט אויב מ'גייט עס האלטן זאל עס שאטן, ווייל מצטמק ורע לו, אויב ס'וועט ווערן מער איינגעקאכט וועט עס נישט זיין גוט, ס'וועט ווערן צו שטארק פארברענט, מותר להשהותו על גבי אש. מ'מעג עס יא לייגן אויף די אש, בין בכירה בין בכופח, בין בכל אופן וואס מ'מעג עס לייגן אויף די אש, איז נישטא קיין חילוק אין וועלכע קוילן, ס'איז נישטא די חשש שמא יחתה.**

**עצת אבר חי — ארייגלייגן א רויע שטיק סמוך לבין השמשות**

### Speaker 2:

אלא מה זאגט דער רמב"ם אזוי, תבשיל שבישל, אויך די זאכן אויף וואס מיר האבן פריער יא חושש געווען, א תבשיל למשל עפעס וואס איז נישט געקאכט כל צרכו, אדער עפעס וואס איז אפילו יא געקאכט אבער ס'קען נאך אלץ ווערן מער געקאכט און ס'וועט ווערן בעסער, וואס אויף דעם האבן מיר די חשש שמא יחתה, איז דא אן עצה אויף דעם.

**אם השליך לתוכה אבר חי סמוך לבין השמשות,** אויב האט ער אריינגעלייגט א שטיקל פלייש, א שטיקל תבשיל, איז דא דווקא אבר, אבער מיינט געוועגליך א שטיקל פון א בהמה, אבער וואס גייט ער לייגן? וואס קאכט ער? א רויע פאטעטא, איך ווייס וואס, עפעס וואס ער לייגט אריין סמוך לבין השמשות, איז ער נישטא קיין געפיל. **מעתה הכל כתבשיל חי,** קוקן מיר יעצט אן די גאנצע טאפ ווי ס'איז דא דארטן רויע זאכן. גייט עס עניוועי דויערן די צען שעה, וואטעווער עס איז, ביז ס'זאל זיין גרייט פאר די צופרי סעודה, גייט ער נישט מחטט זיין ווייל ער איז שוין מסיח דעת ביז די צופרי סעודה. ממילא איז דאך אפילו א תבשיל חי, מעג מען עס למשל זיין א הלכה למעשה, אפילו נתנר, אפילו אנגערופן קטומא, אויך נישט, ער איז שוין מסיח דעת, און מ'נוצט עס פאר איינער וואס לאכט נישט איבער די חומרה.

### Speaker 1:

זייער גוט.

### Speaker 2:

איצט גייט דער רמב"ם דאך אן עצה, אפילו די וואס האלטן אזוי ווי רבי אליעזר אז ס'איז זייער וויכטיג צו לייגן א בלעך פאר די שבת, קען מען ארייגלייגן גלייך פאר שבת אויב ס'איז א פרישע שטיקל פלייש, און דעמאלטס דארף מען זיכער נישט קיין בלעך. ער געבט שוין עצות פאר די וואס נעמען אן מיינע חומרות. אקעי, מ'האלט מיר שוין אויף א וועג.

**דיון: פארוואס נישט שטעלן א שומר?**

### Speaker 2:

נאר גיי ביי אזא סארט לייט און מ'האלט נישט קיין בלעך, איינס וואס... אקעי. ניין, ווייל אויב ס'איז דא אזא סארט מצב, און טאקע דער רמב"ם זאגט אונז נישט וואס געשעט אויב מ'שטעלט א שומר. ס'איז א גוטע שאלה למשל, וואס איז ביי שהייה זאגסטו א שומר און דא זאגסטו אן אנדערע מין אופן?

### Speaker 1:

ביי דעם דארף מען קוקן אויב דארט שטייט יא, מ'דארף קוקן אויב דארט שטייט יא, אבער דאס איז שוין א שפעטערדיגע חידוש. איך וויל נאר זאגן, אבער ס'איז זייער מעגליך אז דער רמב"ם זאגט דא פון די גמרא. די אמוראים האבן געהאט די געדאנק, אויב איינער וואלט געהאט א געדאנק אז מ'זאל שטעלן איינעם אין די קיטשן גאנץ שבת. און אויב קען מען מאכן ביי שהייה עפעס א שלאס אויף די... מ'דארף מען טראכטן, מ'דארף פארטיפן דארט בעפאר ס'איז נישט... אקעי, מ'דארף, ווייל איך ווייס שוין שהייה העלפט יא א שומר.

וואס איך מיין צו זאגן איז, ווען חכמים געבן דיר אן עצה קעגן א גזירה, מוז מען אננעמען די ספעציפישע עצה, אדער זיי זאגן דיר "איך דארף האבן אן עצה". איך וואלט נוטה געווען אז א שומר איז נישט די ווארט, ווייל די שהייה יתירה דא איז נישט ווייל ער גייט פארגעסן אז ס'איז שבת. ס'איז פשוט אזוי די סדר איז. ס'איז נישט קיין אינטערעס צו גיין, אדער ס'איז נישט אראפ. מיר דארפן נעמען א פעולה. די אלע זאכן האבן מיר געלערנט און מ'גייט לערנען שפעטער. יא, דו האסט פארשידענע סארט איסורים דרבנן, איז שוין די מציאות וועגן דעם, רייט? דא האסטו די איסור דרבנן, ווייל די

פעולה סליידט אריין אין די איסור, רייט? קאכן א זאך איז א זאך וואס מאכט זיך, ס'געשעט אסאך מאל פון דעם קאכן. לייגן א שומר, איך ווייס נישט. איך זאג נישט, אויב איינער וועט טרעפן עפעס א מורא'דיגע AI וואס גייט מאכן, ס'גייט איבערדרייען די זאך, איך ווייס נישט. אבער נארמאל, זיי האבן געגעבן נארמאלערע עצות ווי דאס. בקיצור, ס'איז איינס איז נישט קיין עצה.

**Speaker 2:**

אקעי.

**הלכה ט: עבר ושיהה — דין בדיעבד**

**Speaker 2:**

יעצט גייען מיר לערנען וואס... וואס איז בדיעבד אויב מ'האט... האבן מיר געענדיגט דא, רייט? וואס איז בדיעבד אויב מ'האט עובער געווען אויף די איסור דרבנן? איז אזוי, **כל תבשיל שהתחיל להתבשל**, וואס מ'טאר נישט לייגן אויף די פייער, איז דא א הלכה אין הלכות שבת, ער גייט דא זאגן, דער רמב"ם גייט דא זאגן א שטיקל קנס, אז מ'טאר נישט הנאה האבן פון מעשה איסור, פון עפעס וואס מ'האט געטון אין שבת.

אבער דא דארפן מיר זאגן... איין מינוט, איך האב פארגעסן. דא דארפן מיר זאגן... איין מינוט, איך האב פארגעסן.

**הלכות שהייה וחזרה — בדיעבד, חזרה, והגסה**

**בדיעבד: עבר ושהה — דין מעשה שבת**

**Speaker 1:** בקיצור, ס'איז איינס און נישט קיין עצה.

אקעי, יעצט גייען מיר לערנען וואס... וואס איז בדיעבד אויב מען האט... האבן מיר געענדיגט דא, רייט? וואס איז בדיעבד אויב מען האט עובר געווען אויף די דעות פון די רבנים?

אה, איז אזוי, **"כל תבשיל שהותר להשהותו"**, וואס מ'טאר נישט לייגן אויף די פייער... ס'איז דא א הלכה אין הלכות שבת... ער גייט דא זאגן... דער רמב"ם גייט מיר זאגן א שטיקל קנס, א דין אין הלכות שבת וואס מ'טאר נישט הנאה האבן פון מעשה איסור פון עפעס וואס מ'האט געטון אין שבת.

**דיגרעסיע: שיטת רש"י — מאכל בן דרוסאי**

אבער דא דארף מען יא זאגן... איין מינוט, איך האב פארגעסן... דא דארפסטו דערמאנען וואס דו האסט אנגעהויבן צו זאגן פריער... אויף דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז דער איינציגסטער היתר איז אויב ס'איז מ'לייגט אריין א תבשיל חי, אדער עס איז אינגאנצן מבושל אפילו מצטמק ורע לו, דא איז דא שיטת רש"י, וואס איז געבויט אויף א שיטה אין די גמרא פון חנניה, וואס זאגט אז אויב ס'איז געקאכט לכל הפחות א דריטל מאכל בן דרוסאי, דעמאלט מעג מען שוין, אפילו אויב ס'איז נישט גרופה וקטומה, און אזוי איז דער מנהג, ס'שטייט אין שולחן ערוך, מ'פירט זיך אזוי ווי רש"י צו מקיל זיין, אז אויב ס'איז נתבשל א דריטל, אדער א דריטל, יא? דעמאלט שוין הייסט עס... חוץ אויב ס'איז מצטמק ויפה לו, רייט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אקעי, שוין. דאס הייסט, אפילו אויב ס'איז נישט מצטמק ורע לו, איך ווייס נישט קלאר. עניוועיס, און מ'דארף וויסן, איך ווייס נישט אויב ס'איז פראקטיש, אפילו עס איז שוין נישט אזוי דעספערעט, ווייל געוויינליך רוב מענטשן מאכן שוין אינגאנצן פארטיג. אבער דער רמב"ם, ווען ער זאגט די ווארט "כלל", "שלא בושל כלל" אדער "בושל כל צרכו", ער זעט אז ממש ער נעמט נישט אן די חידוש. נע, ס'איז זיכער אז דער רמב"ם נעמט עס נישט אן. איך מיין, אזוי נעמט יעדער אן. ס'איז דא ספרים אז דו קענסט פארשטיין דעם רמב"ם. ווייל וואס העלפט מיר? מ'איז עס געווען אמאל עפעס אן ארובה וואס ער האט שוין געגעסן. מיילא, בין איך וויניגער דעספערעט. ווייל עס איז דא א וועג וויאזוי צו עסן, און עס איז אביסל א שווערע הלכה. דעמאלט קומט דאך, איך ווייס נישט דאך נישט.

**חזרה לדין עבר ושהה**

שוין, זאגט אונז דער רמב"ם ווייטער, אז בעיסד אויף די הלכה אז מעשה שבת איז אסור, זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך אויב איינער האט נישט געפאלגט די הלכה?

**שאלה: וואס איז דער מעשה שבת דא?**

ס'איז אביסל אינטערעסאנט, ווייל געוויינליך מעשה שבת איז פשט אז ער האט געטון עפעס אן עבירה בשבת. דא, בכלל איז אינטערעסאנט, ווייל מ'רעדט דאך צו דער איד ערב שבת. איך ווייס נישט, די איינציגסטע... ווייל די מצוה וואס איז שוין דא ערב שבת וועגן ס'קומט שבת, ער טאר נישט טון... ווען ער טוט עס, טוט ער עס פרייטאג.

**Speaker 2:** אקעי, ס'איז אן איסור דרבנן, ס'איז אן איסור דרבנן.

**Speaker 1:** איז דא אן איסור דרבנן וואס איז נישט דא דרינען קיין מעשה. אדער איז זאגן די איסור דרבנן איז ווען ער האט געלייגט עירוב שבת, אדער דאס לאזן דארטן שבת?

**Speaker 2:** יא, א שהייה.

**Speaker 1:** ס'קען זיין אז ס'איז דא א מצוה אז אויב איינער האט נישט פארגעסן די הלכה זאל ער עס אראפנעמען שבת, ווייל א גאנצע צייט האט ער א חשש שמא יחתה. סא ווען ער האט געטון די איסור געטון שבת מיט'ן עס לאזן דארטן...

**Speaker 2:** אקעי, קען זיין.

**Speaker 1:** יא, אבער וויאזוי עס זאל נישט זיין, ער האט עס נישט אראפגענומען פאר שבת.

**דער רמב"ם'ס פסק: במזיד**

**"כל תבשיל שאסור להשהותו"**, וואס מ'טאר נישט לאזן אויף די טאנור די אלע אופנים וואס מ'האט אויסגערעכנט, **"אם עבר ושהה אותו"**, ער האט דאס יא געלאזט אויף די פייער אויף שבת, **"אסור לאכלו"**, מוצאי שבת טאר מען עס נישט עסן ביז מוצאי שבת, **"וימתין בכדי שייעשו"**, און מ'דארףווארטן ביז ווען מוצאי שבת און ווי לאנג ס'דויערט צו קאכן נאכאמאל די עסן.

פארשטייסט, די עסן ווערט נישט... מ'דארף נישט ארויסווארפן די עסן, מ'דארף נאר ווארטן, אזוי זאל ער נישט הנאה האבן פון די ארבעט וואס ער האט געטון אום שבת, פון די שהייה וואס איז געווען אום שבת.

און דאס איז אן איסור דרבנן נאר. ס'איז אן איסור דרבנן, און מער ווי אן איסור דרבנן, ס'איז אן איסור דרבנן וואס ער האט זיך נישט נכשל געווען. אנדערש ווי ווען א מענטש טוט אן איסור דרבנן איז ער נכשל, אבער דא איז דער מענטש נישט נכשל געווארן, ער איז נישט געווען מחטא, און דאס וואס ער האט געטון האט ער געטון פרייטאג. ער האט גארנישט געטון שבת, ער האט גארנישט געטון קיין מעשה שבת. ס'איז נישט קיין מעשה שבת, אבער ס'איז געשען דא אן איסור, און מיט די עסן איז געשען אן איסור פון וואס ער האט הנאה, און מ'טאר נישט הנאה האבן פון די איסור. ס'איז ווי א קנס בעסיקלי, רייט?

**חילוק בשוגג**

דאס איז אויב ס'איז געווען במזיד. אבער אויב איז געווען בשוגג, ער האט פארגעסן, ער האט געטראכט צו אראפנעמען ערב שבת און ער האט פארגעסן אראפצונעמען, איז אויב ס'איז א תבשיל שלא בישל כל צרכו וואס ס'האט זיך געקאכט שבת, איז עס אסור מוצאי שבת. אבער אויב ס'איז יא א תבשיל שבישל כל צרכו, און די פראבלעם איז נאר אז ס'איז מצטמק ויפה לו וואס מ'האט נישט געטארט, האט ער דאך נישט אזוי שטארק הנאה פון מעשה שבת לכאורה, ווייל ס'איז דאך שוין געווען געקאכט, איז מותר לאכלו בשבת מיד, מ'מעג עס יא עסן בשבת.

**מחלוקת ראב"ד**

און דא קריגט זיך שטארק די ראב"ד.

**Speaker 2:** יא, פארוואס איז די ראב"ד מחלק?

**Speaker 1:** ווייל די ראב"ד זעט נישט די חילוק צווישן שוגג און מזיד. ער זאגט אז שכחה, ער זעט נישט אז ס'זאל זיין א חילוק צווישן שכחה אדער מזיד. איז לויט די ראב"ד אפילו בשוגג דארף זיין אסור. זעט אויס אזוי, מיין איך. אויף מסלק ידו פארלאזט ער, יא מסכים?

**Speaker 2:** איך ווייס נישט. איך בין נישט קלאר.

**Speaker 1:** אקעי. זעט אויס אז דער ראב"ד זאגט אפילו בשוגג.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אפילו בשוגג איז אויך אסור, איך מיין אזוי דארף צו זיין די הלכה לויט דעם ראב"ד.

**Speaker 2:** אקעי.

**הלכות חזרה — צוריקלייגן א טאפ אויפ'ן פייער בשבת**

**הבדל בין שהייה לחזרה**

**Speaker 1:** ביז יעצט האבן מיר געלערנט וועגן לייגן ערב שבת, און דאס ווערט גערופן שהייה. שהייה מיינט אז ער טוט נישט קיין מעשה שבת. וואס געשעט יא שבת? שבת געשעט נאר די שהייה, אז ס'ליגט דארט אין טאפ. חזרה מיינט צוריקלייגן די טאפ אויף שבת. גייען מיר יעצט לערנען וואס טוט זיך וועגן צוריקלייגן די טאפ אויפן פייער שבת. דאס הייסט, א זאך וואס איז נאך נישט געקאכט טאר מען דאך זיכער נישט. די שאלה איז ווען א מענטש האלט אין די האנט א טאפ וואס איז שוין געקאכט, צו מעג ער עס ארופלייגן אויפן פייער. לכאורה איז עס שוין נישט מבשל. וועלן מיר זען וואס יא און וואס נישט.

**הכלל: אסור להחזיר**

זאגט די גמרא, **"כל שמותר להשהותו על גבי האש"** — די אלע זאכן וואס מיר האבן געשמועסט אז מ'מעג עס יא משהה זיין על גבי האש, צו ווייל ס'איז נישט קיין הייסע טאנער, צו ווייל די עסן איז רוי, וכדומה — **"אם נטלו מעל גבי האש, אסור להחזירו למקומו"**. מ'טאר עס נישט צוריקלייגן צו די טאנער. דאס הייסט, ס'איז אזוי ווי א סניף פון שהייה. פונקט אזוי ווי מ'טאר עס נישט איבערלאזן... ניין, סארי, אפילו זאכן וואס מ'טאר יא איבערלאזן. איבערלאזן מעג מען יא, אבער צוריקלייגן טאר מען נישט.

**Speaker 2:** אקעי. און ווען וואס טאר מען יא צוריקלייגן?

**טעם האיסור: נראה כמבשל**

**Speaker 1:** פארוואס? די איסור פון צוריקלייגן האט נישט מיט "שמא יחתה". ס'איז עפעס אן אנדערע זאך.

**Speaker 2:** יא, ס'זעט אויס ווי מ'קאכט אויף שבת אדער עפעס אזא סארט זאך. אבער מ'רעדט דאך דא באופן אז ס'איז נישטא קיין "שמא יחתה", יא? ס'איז גרוף וקטום אדער ס'איז...

**Speaker 1:** רייט, אזוי סאונדט עס. ס'איז א נייע איסור. נאך א גזירה. וואס איז די גזירה? אז ס'זעט אויס ווי איינער קאכט?

**Speaker 2:** ניין, קודם כל, ס'וועגדט זיך וועלכע. לאמיך קוקן וואס ער זאגט.

**Speaker 1:** אקעי, יא. סאו, "ואין מחזירין", יא?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** ווען מען לייגט עס צוריק, אויב מען נעמט אראפ די טאפ שבת, ווען מען לייגט עס צוריק זעט אויס ווי מען קאכט. אדער אויב ס'איז געווען רוי, ס'איז דא צוויי זאכן, אויב ס'איז נישט געקאכט, אדער אויב ס'איז נאכנישט געקאכט, קאכט מען טאקע, ווייל ווען מען לייגט עס צוריק, אפילו אויב ס'איז נאר מצטמק ויפה לו, ס'הייבט שוין אן די קאכן, אבער למעשה ס'הייסט געקאכט, מען טאר נישט קאכן, דאס איז... מען טאר נישט דעמאלטס מבשל זיין, אדער ס'זעט אויס ווי מבשל, אדער מחזי כמבשל. און דעמאלטס, יא, טאר מען נישט מחזיר זיין למקומה.

**היתר יחיד: כירה גרופה או מכוסה**

זאגט דער רמב"ם, ס'איז דא איין אופן וויאזוי מען מעג יא מחזיר זיין שבת, **"ואין מחזירין לעולם"**, רוב אופנים טאר מען נישט. פון די אלע היתרים וואס מ'האט געלערנט ווען מען מעג יא, איז נאר איינער פון זיי מעג מען. די עצה פון **"אלא אם כן היתה כירה גרופה או מכוסה"**, א כירה וואס מ'האט געמאכט גרוף, מ'האט ארויסגענומען די אש אדער באדעקט, **"או כירה וכופה שהוסקו בקש ובגבבא"**, אדער כירה אדער כופה וואס מ'האט געהייצט מיט קש וגבבא, דעמאלטס איז כופה אויך אזוי ווי א כירה, דאס מעג מען. דאס הייסט, די אנדערע עצה פון לייגן א רויע שטיקל פלייש האט מען נישט געקענט, ווייל דאס איז דאך די הארבסטע אין דעם פאל, ווייל דאס איז דאך ממש מבשל בשבת. און די אלע אנדערע היתרים וואס דא האט נישט געהאלטן, די איינציגסטע אופן וויאזוי מען מעג צוריקלייגן אין שבת איז געווען...

**Speaker 2:** ס'איז דא א פייער, נאר דו זאגסט אז די פייער איז משום מחזי.

**Speaker 1:** אקעי, א איד וועט לייגן א טאפ אויפן פייער שבת, דאס איז שוין א זאך וואס מ'לאזט נישט, די חכמים לאזן נישט.

**Speaker 2:** שטימט. אבער חוץ אויב ס'איז אינגאנצן גרוף או מכוסה, ס'איז נישטא קיין פייער דא, דעמאלטס מעג מען.

**Speaker 1:** ניין, כופה שהוסק בקש וגבבא מעג מען אויך.

**Speaker 2:** אויך ווייל ס'איז ווייניג, קוים דא איז פייער. יא, וואס איז די היתר? ווייל דו זאגסט אז ס'איז נישטא עכט קיין פייער דא.

**Speaker 1:** ס'האט אביסל פייער, אבער ס'איז שוואך.

**Speaker 2:** יא.

**תנאי: שלא הניחה על גבי קרקע**

**Speaker 1:** **"והוא שלא הניחה על גבי קרקע"**, ער האט נישט אראפגעלייגט די טאפ. **"אבל אם הניחה"**, איינמאל ער האט עס אראפגעלייגט... אויף די ערד, יא? אויף די ערד. איך מיין, קרקע, אויף די טיש וועט נישט זיין משנה די הלכה. איך מיין, אין די גמרא זעט אויס אז סתם די אלע זאכן איז געווען ביי די ערד, ס'איז געווען זייער נידעריג. אזוי שטייט, ס'איז עפעס א בנין שעושין בקרקע, אזוי האב איך געזען אין פירוש המשניות להרמב"ם. סאו איך מיין די על הקרקע איז די... כדיבור בהויה.

אראפלייגן. עס מאכט סענס, ווייל ווען די העפסל איז אויף אין עני פלאץ, ווען דו לייגסט עס אראפ, זעט אויס ווי דו לייגסט עס א נייע זאך. מה שאין כן ווען א מענטש וואקט אריין אין צימער, ער זעט איינעם האלטן א טאפ אין די האנט און ער לייגט עס אראפ, וועט ער טראכטן אז ס'איז שוין געווען דארטן.

אבער **"משעה שהניחו"**, איינמאל ער האט עס אראפגעלייגט, **"אינו חוזר ונותנו"**, מען טאר עס נישט צוריקלייגן, **"אפילו באופן שהיה מותר"**, אפילו אויף א כירה גרופה ומכוסה. ווייל דעמאלט זעט ממש אויס ווי ער לייגט א נייע טאפ בשבת, און דאס טאר מען נישט.

**תנור וכופה כגחלים — אסור אפילו חזרה**

**"ואין מחזירין בתנור"**, און מען טאר נישט צוריקלייגן אין א תנור, **"ולא לכופה שהוא כגחלים"**, און נישט אויף א כופה וואס איז ווי גחלים, **"אלא על גבי כירה"**, נאר אויף א כירה, **"אף על פי שגרופה ומכוסה"**, אפילו ס'איז גרופה ומכוסה, **"מפני שהבלה חם ביותר"**, ווייל די היץ איז זייער שטארק הייס, ממילא זעט אויס ווי מען קאכט אויף שבת.

**סמיכה = חזרה**

**"כל שאין מחזירין עליו"**, די אלע זאכן וואס די הלכה איז אז מען טאר נישט מחזיר זיין, **"אין סומכין לו"**, טאר מען אויך נישט סומך זיין. דאס הייסט, מען מעג אויך נאר סומך זיין בשבת נאר אויף א כירה גרופה ומכוסה או כשר גחליו, אבער די אנדערע טאר מען נישט סומך זיין בשבת.

אקעי, איך מיין דאס איז די דין פון נראה כמבשל בשבת. איך מיין ס'קומט פון דעם ארויס געוויסע, למשל, איך ווייס ס'איז דא א שאלה, ס'איז דא

געוויסע מאכלים וואס מען מעג אנווארעמען בשבת, אזוויי אין בישול אחר בישול, אבער ס'זאל נישט אויסקוקן ווי מ'האט עס ארייגעלייגט אין א אויוון. ס'איז דא אזעלכע הלכות ווי מ'רעדט פון דעם, ס'זאל נישט אויסזען כמבשל בשבת.

### הלכה בענין הגסה — ארוממישן אין א טאפ אויפ'ן פייער

די נעקסטע הלכה גייט דער רמב"ם לערנען, די הלכה וואס אונז קענען אלס מגיס, אז מען טאר נישט ארוממישן אין די טאפ וואס איז אויפ'ן פייער.

זאגט דער רמב"ם, **"אסור להכניס מגרפה"**, מען טאר נישט ארײנלייגן א שפעלעפל, איך ווייס נישט וואס ס'טייטש מגרפה, עפעס איינע פון די זאכן, **"לתוך הקדרה בשהיא על האש"**, אין א קדירה בשבת ווען זי איז אויפ'ן פייער, **"אפילו באופנים שהותרה להיות על האש"**, אפילו ביי די אופנים וואס מ'האט גערעדט אז ס'מעג זיין אויפ'ן פייער, **"ואפילו להוציא ממנה בשבת"**, אפילו ארויסצונעמען אביסל פון די עסן שבת. פארוואס? **"מפני שהוא כמגיס"**, ווייל ווען ער לייגט אריין די לעפל איז ער מגיס, ער מישט עס ארום, **"וזה מצורכי הבישול הוא"**, און דאס איז גוט פאר די עסן אז מ'מישט עס ארום, **"ונמצא כמבשל בשבת"**, ס'איז קומען בישול, ס'זעט אויס ווי א מענטש וואס קאכט, אינמיטן קאכן איז ער ביזי מיט די... ער איז גוט ארוממישן. ס'איז געקענט דארט צוקומען בישול בשבת. ס'איז געקענט דארט צוקומען, אפילו א שטיקל צורך. ס'איז נישט נאר נרות, ס'איז ממש בישול, אבער ס'איז ווי א תיקון.

## דיני שהיה וחזרה – המשך: הגסה, חזרה מכירה לכירה, ויוצאים מכלל דבר חי

### איסור הגסה — מישן א טאפ אויפ'ן פייער

**Speaker 1:** ווייל ווען ער לייגט אריין די לעפל איז ער מגיס, ער מישט עס ארום. מ'זעט מצורך הבישול, ס'איז גוט פאר די עסן אז מ'מישט עס ארום, מ'נוצט עס כמבשל בשבת. ס'איז כמבשל, ס'זעט אויס ווי א מענטש וואס קאכט, און אינמיטן קאכן איז ער ביזי מיט די עס גוט ארוממישן. ס'איז אויך א שטיקל צורך, ס'איז נישט נאר נראות, ס'איז נישט ממש בישול, אבער ס'איז אזוויי א תיקון פאר די בישול, ס'איז אויך נישט סתם א בישול.

און דער רמב"ם זעט דאס אז ס'איז כמבשל, אזוויי די ענין פון לגבי חזרה. ס'איז דא אזא אנדערע שיטות אז ס'איז נאר ווי דער... דער רמב"ם האט נישט געזאגט ביי חזרה פארוואס מ'טאר נישט, רייט? ער האט נאר געזאגט אז מ'טאר נישט. ער האט נישט געזאגט די ווארט כמבשל.

### חומרת הרמב"ם — אפילו ארויסנעמען פון א טאפ

דער רמב"ם אסר'ט אפילו סתם ארויסצונעמען זאכן פון א טאפ שבת בעיסיקלי, ווייל הגם ער מישט נישט דעמאלטס, אבער ער גייט מבשל זיין, אדער בשעת ער נעמט ארויס ווערט עס געמישט, ממילא איז עס אסור. דער ראב"ד איז נישט מסכים מיט די חומרא. דער ראב"ד זאגט, יא? וואו איז דער ראב"ד? זאגט דער הייליגער ראב"ד, **"הפריז על מידותיו"**. יא? **"שאסר אפילו להוציא במגריפה"**. דער ראב"ד איז מסכים מ'טאר נישט מישן, אבער דער ראב"ד זאגט אז ארויסצונעמען פון א טאפ איז שוין צופיל. דאס זאגט דער הייליגער ראב"ד, דאס איז די שיטה פון דער ראב"ד. יא.

### דיון: וואס איז דער עיקר פראבלעם — ארײנלייגן די מגריפה

**Speaker 2:** אקעי. ס'זעט אויס אז די עיקר פראבלעם איז די ארײנלייגן די מגריפה, ער הייבט אן מיט דעם, די ארײנלייגן אין די טאפ. ווייל א טאפ וואס ליגט מיט א שעפ-לעפל זעט אויס ווי ער האלט אינמיטן קאכן. סא ארויסצונעמען אויף אן אנדערן אופן וועט מען לכאורה מעגן. איך ווייס, אויסגיסן פון די טאפ לכאורה וועט מען מעגן. דעמאלטס מישט זיך עס אויך, יא? ווען א מענטש וועט למשל נישט וועלן ארײנלייגן א מגריפה, נאר ער וועט רוקן די טאפ, אויסגיסן פון די טאפ.

**Speaker 1:** יא, אבער ס'איז שוין נישט אויפ'ן פייער.

**Speaker 2:** אבער ער מישט זיך ארום, ס'איז אויך...

**Speaker 1:** ס'איז נישט אויפ'ן פייער.

**Speaker 2:** בישול איז נאר וואס איז אויפ'ן פייער. אהא, אקעי.

### דיון: טוישן פון איין טאפ צו די אנדערע

וואס טוט זיך וועגן טוישן פון איין טאפ צו די אנדערע? זאגט דער רמ"א, **"מותר להחזיר מקירה לכירה"**. שבת מעג מען אראפנעמען די טאפ פון איין קירה און עס לייגן אויף די אנדערע קירה, **"כל זמן שלא הניחו על הקרקע בינתיים"**, אזוי ווי די הלכות האבן מיר פריער געלערנט. עס איז נישט נאר צוריקלייגן אויף די פלאץ פון וואו מען האט עס גענומען, נאר צוריקלייגן מיינט לייגן אויף א הייסע אויבן, אפילו אויף די אנדערע קירה.

**Speaker 1:** זייער גוט. **"אפילו מקירה שהובערה מבעוד יום לכירה שהובערה מבעוד יום מעג מען אוי��"**. אויב ביידע זענען די זעלבע קאטעגאריע אז מען מעג, א קירה וואס מען מעג ווייל עס איז גרופה וקטומה אדער קטומה. **"אבל לא מקירה לטמינה ולא מטמינה לקירה"**. אבער מען טאר נישט נעמען פון א קירה צו טמינה. טמינה מיינט עס באדעקן און...

**Speaker 2:** נאר הטמנה, וואס איז נישט קיין פייער.

**Speaker 1:** יא, דאס הייסט אז דו באדעקסט עס מיט זאכן וואס האלטן עס ווארעם. **"ולא מטמינה לקירה"**, דאס טאר מען נישט.

**Speaker 2:** יא. זייער גוט.

**Speaker 1:** פארוואס? **"מקירה לטמינה"**, טמינה איז לכאורה וויניגער הייס. מען טאר נישט מאכן די טמינה בשבת, מיינעך. מען טאר נישט מאכן די...

**Speaker 2:** קען זיין וועגן דעם. יא.

### דיון: מחלוקת שולחן ערוך ורמ"א בנוגע הגסה

**Speaker 1:** איך וויל זען וואס ער זאגט וועגן די הגסה. יא, זאגט דער שולחן ערוך, ווי גייט עס? יא, דער שולחן ערוך איז מסביר אז דער רמ"א האט אויך נישט געמיינט אנדערש, אז די איסור פון הגסה איז נאר ווען ס'איז נישט מבושל כל צורכו, וואס מ'טוט עפעס אויף. **"אבל דבר שהוא מבושל כל צורכו, דהיינו מצטמק ורע לו, אין בו משום הגסה"**, ווייל הגסה איז נאר ווען מען... ווען מען...

**Speaker 2:** מצטמק ויפה לו איז אבער אויך...

**Speaker 1:** אבער דער רמ"א איז נישט מסביר. דער רמ"א זאגט אז אפילו מבושל כל צורכו איז אויך הגסה.

**Speaker 2:** דאס מאכן מייגע זיין. אבער אפילו אנדערע מאל, מצטמק ויפה לו איז אויך, למשל די זופ האט מען אפשר מעגן, די טשאלנט נישט. מ'דארף ארײנטראכטן וועלכע מין... ווייל למשל טשאלנט איז דא א מקום צו מישן אז ס'זאל נישט ווערן צוגעברענט פון אונטן. ס'איז דא א מקום פאר דעם.

**Speaker 1:** מייגע זיין. אויף טשיקן זופ זע איך נישט אז ס'איז אן עכטע...

**Speaker 2:** אז ס'זאל נישט ווערן צוגעברענט, און נישט... איך ווייס נישט וואס אונטן איז.

**Speaker 1:** ארום מישן. יא, אבער יעצט איז נישט... ס'איז א סארט מצטמק ויפה לו. איך זאג ס'איז לשמור פון ס'אנדערע זאך, ס'איז קיבוץ. איך מיין ס'איז נישט קיין... יא, דאס איז א גאנצע משנה, אז ס'זאל נישט ווערן צוגעגעבן און איבערגעבן איינס דעם צווייטן.

**Speaker 2:** יא, אבער דאס איז דאך א מקום פאר דעם, דאס הייסט דאך מגס.

**Speaker 1:** אבער למעשה, עניוועי, דער רמ"א זאגט דאך **"גם בישול לצורך"**, איז דאך בני ישראל יוצאים מיד רמ"א. שוין.

**Speaker 2:** יא, די שאלה איז נאר, די שאלה איז נישט ווען מ'איז ממש מגס אריין זאכן, נאר ווען מ'נעמט נאר ארויס א לעפל, וואס איז שוין א חומרא פון די רמ"א. אויב דער עולם איז בכלל נישט מסכים צו די חומרא,

דעמאלטס קען זיין אז מ'דארף אונטערהאלטן. אפשר זאגט דער עולם אז אויף אזויפיל דארף מען נישט מחמיר זיין.

**Speaker 1:** יא, ס'איז דא וואס פירן זיך אז מ'נעמט נישט ארויס דירעקטלי פון ס'נאך אויפ'ן פייער, אמת? מ'האלט עס, מ'הייבט עס אויף געווענליך.

**Speaker 2:** אקעי, שוין. האבן מיר געלערנט, יא, מ'מעג צוריקלייגן.

**הלכה יב: לא ימלא אדם קדרה – בונדלעך, קטניות, וואסער**

**Speaker 1:** יעצט גייען מיר לערנען נאך פרטים אין די נושא פון שהיה, רייט? "**לא ימלא אדם**", יא?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** זאג עס. "**לא ימלא אדם קדרה**", א מענטש זאל נישט אנפילן א טאפ מיט "**עססיות**", בונדלעך, יא, "**עססיות ותורמוסין**", דאס איז א סארט בונדלעך, יא, "**מיני קטניות**", אדער "**חביות של מים, ויתן לתוך התנור ערב שבת עם חשיכה וישהו על גביו**". פארוואס טאר מען נישט? ער זאגט אזוי, אונז האבן דא געלערנט פארשידענע זאכן. ער זאגט, ספעציפיש די מין זאך, א טאפ וואס איז אנגעפילט מיט בונדלעך אדער מיט וואסער, טאר מען נישט לייגן ערב שבת, טאר מען נישט משהה זיין, אפילו באופן וואס מ'זאל מעגן משהה זיין אנדערע זאכן. פארוואס? "**שאלו וכל כיוצא בהן אף על פי שלא בשלו כל עיקר כתבשיל שלא בשל כל צרכו הן**". אפילו די מים איז שוין ווארעם אדער די עססיות איז שוין הייס, ס'איז נישט בכלל געקאכט.

**חידוש: פארוואס איז דאס אנדערש פון דבר חי**

אונז האבן געלערנט פריער, אזויווי איך האב געשריבן דא די קעפל, אזויווי איך פארשטיי דאס, אונז האבן געלערנט פריער אז א דבר חי איז נישטא קיין איסור שהיה, פארוואס? ווייל ס'איז מסיח דעת. זאגט דער רמב"ם דא, דאס איז נאר זאכן וואס ס'דויערט לאנג צו קאכן, אדער ווי די אבר חי מיינט א שטיקל פלייש, אדער איז עס עניוועי א פטור. אבער די היתר אז א רויע זאך גייט עניוועי נישט העלפן די "שמא יחתה", ווייל ס'איז דארט עניוועי דורן ביז שבת צופרי, האט ער דארט געזען למשל א זאך וואס ער גייט נאך וועלן עסן ביי די נאכט סעודה, וועט ער מחתא זיין. א זאך וואס ער גייט עסן שוין מיט די נעקסטע סעודה, אקעי, דאס איז א סימפל וועג פון עס לייגן.

סאו, די מיני בונדלעך אדער א טאפ וואסער וואס דויערט נישט אזוי לאנג צו ווערן געקאכט, איז יא דא א מקום שמא יחתה, טאר מען נישט משהה זיין, זאגט ער. לויט דעם, פארוואס זאל מען נישט אנלייגן א טאפ אויף די תנור ערב שבת סמוך לחשיכה? פארוואס? ווייל די סארט זאכן, שאינן כל כך יפים, וואס דער רבינו יונה האט נאך איידיעס ענליך צו דעם, פון מאכלים וואס זענען ענליך צו דעם, אף על פי שלא בישלו כל עיקר, באקומט א דין כתבשיל שלא בישל כל צרכו וואס מען טאר נישט לייגן אויפ'ן פייער. פארוואס? "**מפני שאינן צריכין בישול הרבה**", די זאכן דארפן נישט קיין גרויסע בישול, ממילא "**ודעתו עליהן לאכלן לאלתר**", ער טראכט אז ער גייט עס סון קענען עסן. ממילא, הייסט עס באקומט עס א דין אזויווי בישול שלא בישל כל צרכו, און ס'איז דא א חשש שמא יחתה, "**לפיכך אסור להשהותן בתנור**".

**קנס כדי שיעשו**

און אויף די זאך טאקע איז אויך געווען די זעלבע הלכה לגבי די כדי שיעשו, די קנס פון נאכדעם עסן, איז מען עובר ויעבור. אין די איבריגע, איז אויך געווען די הלכה אזויווי מ'האט פריער געשמועסט, אז ס'איז אן ענין מוצאי שבת, און מוצאי שבת וועט מען דארפן ווארטן אזוי לאנג ווי ס'האט געדויערט צו קאכן די זאך, כדי שיעשו.

יעצט גייען מיר לערנען נאך היתרים פון שהייה. דאס איז געווען אזויווי א איסור אדער א יוצא מן הכלל פון א היתר. יעצט גייען מיר לערנען פארשידענע נאך היתרים און פארוואס מ'קען נישט, ס'לוינט זיך נישט, מ'פירט זיך נישט צו מחתא זיין, איז ממילא מעג מען.

**הלכה יג: בשר גדי – היתר שהיה בתנור**

**Speaker 2:** יא, "**תנור שנתן לתוכו בשר מבעוד יום, שהה אותו בשבת**". א תנור וואס מ'האט אריינגעלייגט בשר מבעוד יום און מ'האט עס משהה געווען בשבת. איז אזוי, "**אם בשר גדי וכיוצא בו**", אויב ס'איז אלע אנדערע פליישן ווענדט זיך עס, אויב ס'איז למשל אינגאנצן חי מעג מען, אויב ס'איז בישל כל צרכו דארף מען טשעקן מיט סמוך ונראה. אבער בשר גדי האט אן אייגנארטיגע דין אז מ'מעג יא. פארוואס? ווייל בשר גדי, "**אם יחתה באכילתו יתחרך הבשר**". בשר גדי איז זייער אן איידעלערע פלייש, און עס מאכן הייסער האט שאד פאר די פלייש, יוזכר החום מיינט די פלייש גייט ווערן פארברענט. "**שאין צריך אלא חמימות האש בלבד**", ס'איז דא זאכן וואס האבן ליב ממש די גאנצע היץ פון די פייער, אזוי ווי א געווענליכע גריל. בשר גדי איז עפעס וואס דארף א היץ, אבער מען ווייל נישט צו א גרויסע עמאונט פון היץ. "**אבל בשר עז ושור**" איז יא אסור, ווייל דארט איז יא דא די חשש שמא יחתה בגחלים לבשלו.

**דיון: חילוק צווישן דבר חי און בשר עז ושור**

**Speaker 1:** איך וויל פארשטיין נאכאמאל, וואס איז דאס אנדערש, וואס איז דאס בשר עז ושור איז אויך אנדערש ווי די פריערדיגע הלכה על איבר חי לגמרי, בשר חי לגמרי?

**Speaker 2:** ניין, ס'איז די זעלבע. ער זאגט סך הכל אז מען וואלט געקענט זאגן ס'איז דא אן היתר פון בשר גדי, און בשר עז ושור איז דאך ווייטער מיטרוויגן, ס'איז דבר חי, ס'דויערט עניוועי לאנג צו קאכן. ניין, מען רעדט נישט פון יענץ, מען רעדט יעצט פון ווען ס'איז שוין געקאכט. ווען ס'איז שוין געקאכט, אהא, שמא יחתה בגחלים לבשלו.

**טח פי התנור בטיט**

איז דא נאך אן עצה דא פאר מען זאל יא קענען אריינלייגן אין א תנור, זאגט די גמרא אזוי, "**ואם טח פי התנור בטיט**", ס'איז דא אזא זאך ווי תנורים וואס מען לייגט אריין די מאכל, און נאכדעם מאכט מען אינגאנצן צו אז ס'זאל ווערן אינגאנצן צוגעמאכט די תנור, און מען מאכט עס מיט טיט. דעמאלטס איז מותר. פארוואס? "**שאם בא לפתוח התנור ולחתות**", ווייל אויב זאל מען חושש זיין אז ער גייט אראפנעמען די טיט און יא מחתה זיין בגחלים, "**תיכנס הרוח ויתקשה הבשר ויהא הפסד, ויצטנן התנור**". דער מין תנור וואס מען טוט צו צומאכן מיט טיט איז אזא מין תנור וואס די אופן פון קאכן דארטן איז אז ס'זאל זיין אינסולעיטעד, ס'זאל נישט אריינקומען קיין לופט פון אינדרויסן, ווייל דאס וועט מאכן די... זעט אויס יענע תנור פראדוצט זייער א ווייכע פלייש. סאו אויב גייט ער עס טאקע עפענען, גייט שאטן פאר די פלייש. תיכנס הרוח ויתקשה הבשר, די פלייש וועט ווערן פארהארטעוועט, און קאלט ווערן, און די תנור וועט ווערן אפגעקילט. ממילא, איז מען קיינמאל נישט... עפענען איז קיינמאל נישט אויף א פיין מאמענט אינמיטן שבת.

**Speaker 1:** ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ער גייט נישט ערגעץ ווי אין שבת, גייט ער עפענען די תנור און עסן.

**הלכות שבת פרק ג – דינים נוספים בשהייה: תנור שהרוח מפסדתו, בשר צלי, ומוגמר**

**הלכה יג-יד: תנור שהרוח מפסדתו – כל דבר שהרוח מפסדתו**

**פשט הלכה: תנור ספעציעל פאר ווייכע פלייש**

מ'זעט אז יענע תנור produce'ט זייער א ווייכע פלייש. איז אויב גייט ער עס טאקע עפענען, גייט עס שאטן פאר די פלייש. די קרירות הרוח ווי עס קאכט זיך אפ די פלייש וועט ווערן פארהארטעוועט און קאלט ווערן, און די תנור וועט ווערן אפגעקילט. ממילא עפנט מען עס קיינמאל נישט אויף פאר מ'נעמט עס שוין ארויס.

דאס איז די צווייטע זאך. יא, ער גייט ערגעץ וואו אין שבת גייט ער עפענען די תנור און עס ארויסנעמען, אבער מ'נעמט עס נאר ארויס ווען מ'ווייסט אז ס'איז שוין גרייט, אדער ווען מ'האלט שוין ביי די סעודה. ס'איז קיינמאל נישטא די מציאות אז מ'זאל וועלן מחתה זיין.

זאגט דער רמב"ם, **"וכן כל דבר שהרוח מפסדתו"**, יעדע זאך וואס די ווינט איז נישט גוט פאר יענע תנור, **"אין גוזרין עליו שמא יגלה ויחתה"**, האבן מיר נישט מורא אז ער גייט עפענען די תנור און מחתה זיין. פארוואס? פאר די זעלבע סיבה.

**קשיא: פארוואס איז אונן של פשתן מותר?**

פרעגט ער, "אזוי? פאר די סיבה?" דער רמב"ם האט דאך פריער געזאגט, אנפאנג פרק, **"מותר ליתן אונן של פשתן לתוך התנור עם חשיכה"**, מ'מעג לייגן שטיקלעך סחורה פון פשתן אין די תנור ס'זאל ווערן אויסגעארבעט, מעג מען עס לייגן. איי, זאגט דער רמב"ם, דארף מען דאך מורא האבן "שמא יחתה"? יא, די זעלבע "שמא יחתה", ס'איז דאך א פייער. אבער "שמא יחתה" איז דאך א זאך וואס האט צו טון מיט עסן, מ'האט דאך אויסגערעכנט אז די יסוד המאמר איז מ'זאל נישט... דארטן האט מען גערעדט וועגן "שמא יחתה".

**חידוש: די אמת'ע סיבה פון "שמא יחתה"**

"אכשיו נתחדש לנו חידוש". פארקערט, די גאנצע זאך, דער רמב"ם האט דאך אנגעהויבן אז די אלע זאכן מעג מען אריינלייגן אין טאפ, אויסער עסן וואס ס'איז דא א חשש "שמא יחתה". דו האסט אנגעהויבן אזוי, דו האסט געזאגט אזוי פריער. יעצט איז מיר מגלה געווארן אז זיי האבן נישט געזאגט אינגאנצן ריכטיג. אזוי זעט מיר פון דא. ביי שטיינער האט מען געזאגט מ'מעג לייגן א קדירה אדער א פאט, זיי האבן נישט גערעדט פון די אלע אנדערע פעלער. און אז מ'מעג געוועגליך לייגן עסן אפילו, כל זמן וואס ס'איז נישט אזוי.

אזוי, אויב לכאורה די אונן של פשתן, אויך איז דא א חשש "שמא יחתה", אויך האט עס א מעלה, וואלט לכאורה געדארפט די תירוץ זיין ווייל ס'איז נישט... ס'איז נישט... בעסיקלי, מ'ווארפט עס נישט ארויס. מ'ווארפט עס נישט ארויס. ס'איז נאר א חשש וואס מ'דארף זאגן. לכאורה פשוט, ס'איז נישט די מנהג צו מחתה זיין ביי די... א פשוט'ע, א פשוט'ע סיבה, ווייל אין שבת גייט ער גארנישט טון מיט די אונן של פשתן. דער עסן איז ער מחמיר, ווייל ער גייט עס עסן שבת, ער וויל... נאכאמאל, זיי זענען מחמיר אין די זאכן וואס זענען פאר די לאנגע טערמין, אזויווי די אנפאנג. אבער זעט אויס אז נישט אזוי. זעט אויס אז דער רמב"ם איז מסביר די הלכה פון אונטערשטע פתח. די סיבה פארוואס מען האט דעמאלטס געלערנט אין בית המקדש, ווייל עס איז נישטא אויף דעם קיין חשש שמא יחתה. און ער זאגט אז די סיבה פארוואס עס איז נישטא דער חשש שמא יחתה איז די זעלבע ווי די תוך פי התנור, איז די זעלבע סיבה, ווייל ווען עס קומט אריין לופט איז עס מפסד.

**הלכה טו: גדי שלם — יוצא מן הכלל**

**פשט הלכה: גדי שלם אין תנור**

יעצט קען מען לערנען א יוצא מן הכלל פון די הלכה פון די גדי. מיר האבן געלערנט אז בשר הגדי שאט די חתי יתר, ממילא טוט מען עס נישט. אבער א גדי שלם, אויב מען לייגט אריין א גדי שלם לתוך התנור, אזויווי ערב פסח לייגט מען אריין א גאנצע בעל חי. מיר וועלן שוין לערנען וועגן פסח. ער לייגט אריין אזעלכע בשר עבה ובשר שאר, וואס איז אסור לשרוף. פארוואס זאלסטו מאכן א חשש שמא יחתה? אלא אם כן תוך התנור. לכאורה דעמאלטס איז ווייניגער איידל. א קליינע שטיקל גדי, האסט אמאל געגעסן גדי? ס'איז זייער סאפט. ס'איז... וואס הייסט עס? ס'איז ווילד, יא? גדי צו כבש איז מער סאפט ווי פלייש פון א קו. ס'איז שאט מער די פייער. א גאנצע גדי, מן הסתם איז דא דארט ביינער און זאכן, ס'פעלט נישט אזוי אויס. אויב ער זאל מאכן תוך התנור איז יא. די פשט איז אז ס'איז דער מין תנור וואס ווערט אנגעקילט. די זעלבע זאך.

**הלכה וועגן ערב פסח שחל להיות בשבת — בני חבורה זריזין הן**

זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך אויב אזוי ערב פסח שחל להיות בשבת? מותר לשלשל אדער בשבת... מען מעג אבער יא משלשל זיין, דאס הייסט אז מען אראפלאזן די כבש אין די תנור אריין, די כבש הפסח לתוך התנור עם חשיכה, ווען ס'ווערט נאכט, אע"פ שאינו תוך התנור, אפילו מען מאכט נישט צו די תנור. לכאורה וואלט מען זיך אויך געדארפט חושש זיין שמא יחתה. זאגט דער רמב"ם, די סיבה פארוואס ביי פסח מעג מען יא, פסח שחל בשבת, פאר א ספעציפישע סיבה, ווייל **בני חבורה זריזין הן**. ווען מענטשן מאכן צוזאמען, זיי זענען זיך מתמנה אויף א חבורה פאר קרבן פסח, איז עס מער א... ווייל ס'איז א דבר חשוב, אדער איך ווייס נישט פונקטליך פאר וועלכע סיבה, מער ווי סתם מענטשן וואס עסן צוזאמען א סעודת שבת. בני חבורה זריזין הן, זיי נעמען ערנסט די זאך. א מורא אז מ'וועט נישט האבן די חשש שמיטה.

**חידוש: מקור פאר היתר פון שומר**

דאס איז לכאורה יא א מקור פאר אונזער היתר וואס אונז האבן געזוכט פון א שומא. דאס איז אן ענליכע זאך. די סארט מענטשן, דו קענסט זאגן אנדערש, פסח איז מען אין זורות, איך ווייס שוין וואס דארף צו זיין חבורות ריזן. ווען א חבורה איז ריזן, קענסטו טראכטן סימפל, אבער ווען א חבורה קאכט צוזאמען איז עס מער עפעס וואס מ'פלאנירט. מ'מאכט איינעם זאל זיין ממונה אויף די אויוון. יא, מ'האסט א חבורה, פלאנט מען עס פון פאראויס. אין א הויז, יעדער גייט דורך די טאפ, ער גייט איינעם מאכן, אבער ווייסטו וואס, לאמיר עס מאכן אביסל בעסער קריספי. דאס איז א חשש שמיטה.

נאר מ'פלאנירט עס אויס פאראויס, און מ'ווייסט אז ס'איז שבת, און מ'ווייסט אז מען מעג נאר טון וואס מען מעג טון. אזוי ווי כהנים זריזים הם, וואס איך מיין ער גייט אויך שפעטער זאגן. ס'האט א פערזענליכע קאנעקשאן, אבער מ'דארף וויסן פונקטליך. אבער ס'שטייט נישט אז דו נעמסט א חבורה צו מאכן א טיש פאר איין רבי'ן, איז נישטא אז דו עס נאר פסח. יא, ס'איז מ'נעמט ערנסט די... אקעי. שוין.

**הלכה טז: בשר צלי — מצטמק ורע לו**

**פשט הלכה: בשר, בצל וביצה על גבי האש**

נאך א זאך, נאך א זאך וואס איז אסור. יא. וואס איז דער חידוש פון די נעקסטע זאך? לאמיר מיר פרובירן צו פארשטיין.

איך זע נישט קיין שום נייע הלכה. ס'זעט מיר אויס נייעדיגע מויז נאר. אקעי, ס'איז אבער א משנה. ס'איז דא א פראבלעם. לאמיר זען. אין צולין, מ'טאר נישט צולה זיין, אבער מ'בראטן. טשולדיג. בשר, פלייש, ציבעלע אדער ביצה. איך מיין ער רעכנט אויס וואס יעדער פון אונז עסט שבת אינדערפרי. דאס איז די מקור. ציבעלע, ביצים, מ'דארף עסן מיט לעבער. דער בשר איז די לעבער. ס'איז מפרש די משנה, מ'דארף דאס עסן שבת. ניין, דער בשר איז דער טשאלנט. וואס דו לייגסט צו לעבער, לייגסטו לעבער, גאלע, וואטעוועל יו וואנט. ס'גייט אין איין טעלער. בשר, בצל וביצה. יא. א גבי האש. אלא כדי שיצולו מבעוד יום, נאר אויב ס'איז שוין געווארן געבראטן מבעוד יום, ווי ראויים לאכילה מבעוד יום, דעמאלט איז מען צומאכן. אבער אויב נישט, איז עס א תבשיל לבשל כל צרכו, טאר מען נישט.

וואס טוט זיך אויב ס'איז געבליבן על האש בשבת? אנדערע זאכן, ווערט איך אסור עד מוצאי שבת עד שיעשו.

**חידוש: פארוואס בשר צלי איז אנדערש — חרך הוא עושה**

זאגט רבא, אויב עס איז יא געבליבן על האש בשבת, אויב עס איז יא געבליבן על האש בשבת... און ער זאגט אז דאס איז די מתיר, נישט אז ס'איז נאר ביי די עבד. ער זאגט אז די הלכה איז אויף מצטמק ורע לו. ער זאגט ווען ס'איז ראוי לאכילה מעג מען יא. זאגט ער, פארוואס? פארוואס זאל מען נישט מורא האבן אז ס'איז מצטמק ויפה לו? זאגט ער, ס'מעג יא בלייבן על האש בשבת, אפילו ס'ווערט אסאך אויסגעבראטן, מכל שכן מצטמק ורע לו, ווייל די בשר צלי ווערט נישט בעסער מיט דעם וואס ס'ליגט א לענגערע צייט על האש, ער ווערט מצטמק ורע לו. שמא יחתה, יא, **חרך הוא עושה**. ס'איז נישט דא קיין חשש שמא יחתה בשבת, ווייל אויב גייט ער מחטא זיין, גייט ער עס מאכן א של גחלים.

אה, דאס איז וואס די בשר צלי איז אנדערש ווי די אלע פריערדיגע זאכן, נישט אין א טאפ, נאר ס'איז א מין, ס'הייסט צולה זיין, בראטן. ס'טייטשט אן קיין סממנים, אן קיין זאכן, ווייל ווען די בשר ליגט אין א טאפ, איז אייביג

דא די חשש שמא יחתה, אבער ווען ס'איז טרוקענע פלייש אויף א פייער, די מחטא זיין גייט שאטן. דאס האבן מיר געלערנט. ס'איז משמע אז מיר רעדן פון לעדער, אז מ'בראט עס. שיסחרך הבשר. אקעי.

**קאנעקשאן צו מוגמר — די זעלבע סיבה**

ומפני זה, ווענן דעם איז אויך די מתיר וואס מיר האבן געלערנט פריער. די רמב"ם גייט צוריק צו נאך א היתר וואס מיר האבן געלערנט אין אונזער פרק, רייט? ס'איז אינטערעסאנט, די רמב"ם וואלט געקענט ווען זאגן דאס איז געזאגט ביי בשר גדי, די זעלבע זאך, בשר בשר צלי, אויב מ'לייגט עס על גבי אש על גבי גחלים. אקעי, יא.

רייט, די ריזען פאר די אלע זאכן איז ווייל דאס איז עקסטערע משניות, און די רמב"ם איז אביסל א... ווייל ער קען, ער וואלט געוואלט מאכן א קלארע סדר, ער וואלט געקענט האבן אפאר הלכות אין אונזער פרק עס צו מאכן פשוט'ער, אבער ער ברענגט אלע משניות, אלע מימרות וואס שטייט אין די גמרא. יא. אבער יעצט איז ער מסביר א הלכה וואס מיר האבן געלערנט פריער. מיר האבן געלערנט אז מ'מעג לייגן מוגמר. ס'איז פריער געלערנט אז מ'מעג לייגן מוגמר, בשמים וואס מ'צינדט אן, אזא קטורת אזאך, מ'מעג לייגן תחת הכלים, אונטער וועש, און כלים וואס מ'וויל נאך. איי, פארוואס זאל נישט זיין שמא יחתה? זאגט ער, מ'מעג יא, שמא יחתה בגחלים, ישרף המוגמר ויאשרו הכלים. די מוגמר איז אויך אזא מין זאך וואס די מחטא זיין גייט נישט העלפן, ס'וועט מאכן אז ס'זאל ווערן צוגעברענט. דאס איז נישט מצטמק ורע לו. יא.

ס'איז אינטערעסאנט, ער קומט דא צוריק אויף די פריערדיגע הלכה. ער קומט יעצט צוריק צו די אריגינעלע הלכה. פריער האבן מיר געזאגט מ'מעג, יעצט וועסטו כאפן אז די צוויי זענען קאנעקטעד. אינטערעסאנט. רייט.

**הלכה יז: כללי'שער יסוד — "כל דבר שאינו אסור אלא מפני מראית עין"**

**חזרה צום יסוד פון אנפאנג פרק**

וואס מיינט דא? פיר אויס. ולמה? האסטו געלערנט שוין, **כל דבר שאינו אסור אלא מפני מראית עין**, די אלע זאכן וואס מ'האט גע'אסר'ט שיהיה, איז נישט אסור משום שנעשה בשבת. דא קומט עס צוריק צו די... ער האט אנגעהויבן די הקדמה פון דעם פרק, אז אלע מלאכות טאר מען נישט טון אויף שבת, אבער אויב טוט מען די מעשה ערב שבת, אפילו אויב די מלאכה געשעט בשבת, מעג מען. אזוי זאגט ער, די אלע זאכן וואס איך האב דא אויסגערעכנט זאכן וואס מ'טאר נישט, איז נישט די איסור שנעשה בשבת, ווייל דאס האבן מיר שוין עסטעבלישט אז מ'מעג יא. אלא, וואס איז די איסור? **גזירה שמא יחתה בגחלים**, איז אן אנדערע זאך, פון מראית עין אז מ'וועט גיין אין שבת טון א מלאכה.

**הלכה וועגן צמר ליורה — צביעה**

לפיכך, איך האב אנגעהויבן אז מ'מעג אריינלייגן צמר אין א טאפ וואס עס איז זיך... וואס עס איז געקאכט, איז אבער נישט אזוי פשוט. אין נותנין צמר ליורה אלא אם כן נותנה כשהיא קרובה על האש. נאר אויב די טאפ איז נישט על האש, ווייל דארט איז אויך דא א חשש שמא יחתה בגחלים. והיא שתהא פיה טוח בטיט. ס'איז אפילו ווען ס'איז נישט די יורה קרובה על האש, דארף אויך זיין טוח בטיט, שמא יגביהנה וישיכנה. דארף שיגביהנה זיין אפילו אויב ס'איז נישט על האש? איך מיין אז די צמר רעדט פון א קאליר, צביעה. לאמיר זען וואס דער רמב"ם מפרשים זאגן.

יא, ס'קען נישט זיין. יא, צביעה. אזוי שטייט אין תוספות י"ג עמוד א'. יא, אין הלכות שבת פרק ט'. די צמר ליורה רעדט זיך פון א יורה של צבע, אזוויי זיי האבן געלערנט אין די התחלות, רייט?

אקעי. דער רמב"ם זאגט, ס'זעט עפעס אויס אז ס'איז געווען מענטשן וואס האבן געטראכט אנדערש, און מ'לערנט די אלע הלכות, קען מען באקומען עפעס א משמעות אז ס'איז יא דא זאכן וואס מ'טאר נישט טון ערב שבת. איז דער רמב"ם סתם א מתריס, דו זאלסט נישט מאכן א טעות צו פרואוון אז ס'איז נאר וועגן די... יא. אינטערעסאנט. אקעי. שוין.

**הלכה יח: אנהייב הלכה וועגן פת — קנס ביי בטעות**

זאגט דער רמב"ם נעקסטע הלכה. פת. ווייטער, וואס איז דער חידוש איז דא אין די איסור? לאמיר לערנען. ס'איז דא איין הלכה, פת וועט זיין אביסל אנדערש די וועג פון לערנען אויב מ'האט יא בטעות די קנס, די שטראף.

**הלכות שהייה והחזרה — פת ומדורה**

**הלכה יח: פת — ברויט באקן ערב שבת**

**Speaker 1**: יא, ס'איז אינטערעסאנט. אקעי.

זאגט דער רמב"ם די נעקסטע הלכה: פת. ווארט, וואס איז דער חידוש איז דא אין די... בסדר, לאמיר לערנען. וואס איז דא איין הלכה? פת איז דאך א ביסל אנדערש לענין אויב מ'האט יא בטעות געקנאסט די יום השביעי.

זאגט דער רמב"ם, **"אין אופין את הפת בתנור עם חשיכה"**, מ'לייגט נישט אריין קיין ברויט בתנור ערב שבת עם חשיכה, **"ולא חררה על גבי גחלים"** – צוויי מיני ווענן וויאזוי מ'מאכט ברויט – **"אלא כדי שיקרמו פניה המדובקין בתנור או באש"**. נאר אויב ס'איז שוין געווארן אינגאנצן פארהארטעוועט איין זייט פון די ברויט. וועלכע זייט? די זייט וואס ווערט שנעלער געבאקן. שנעלער געבאקן ווערט דארטן וואו ס'איז די פלאץ וואו ס'איז מדובק בתנור או באש.

אין די גמרא איז עפעס נישט קלאר וועלכע זייט דארף זיין יקרמו פניה, צו די זייט וואס דויערט לענגער צו שנעלער. דער רמב"ם פסק'נט **"יקרמו פניה המדובקין בתנור או באש"**, און דארטן איז שוין פארהארטעוועט. וואס? בתנור או באש? ניין, בחררה באש און בפת בתנור. יענע זייט, די זייט וואס איז צוגעקלעבט צו די תנור, נישט די זייט וואס איז עקספאזד צו די לופט, אז דארטן איז שוין יקרמו אפילו די אנדערע זייט איז נאך רוי, איז שוין... הייסט עס שוין אזוויי עפעס א שטיקל געקאכט. אינטערעסאנט, ווייל דאס איז דאך מער ענליך צו בן דרוסאי.

**פארוואס פת איז אנדערש — אין חשש מצטמק ויפה לו**

אבער נאכדעם מעג מען שוין. אבער ביי ברויט איז נישט דא די זאך אז אפילו אויב ס'איז שוין נתבשל איז דא א חשש אז ס'וועט ווערן בעסער געקאכט אדער מצטמק ויפה לו. פארוואס? ווייל ביי באקן איז נישט דא די זאך. **"ואין אנו חוששין שמא יחתה, שהפת אם יחתה יפסד טעמו"**. ווייל ברויט, אויב וועט מען מחתה זיין די גחלים און מאכן הייסער, גייט עס נישט ווערן א בעסערע, מער קריספי זאך אזוויי מיר האבן צופריער געלערנט ביי אנדערע מיני מאכלים, נאר **"יפסד טעמו"**, ס'וועט ווערן קוילן.

ממילא, פת מעג מען פון ווען ס'איז שוין אביסל געקאכט. ס'איז שוין יקר מפניו, מעג מען עס שוין לאזן שהוי זיין. אבער פאר די יקר מפניו איז יא דא א חשש שמא יחתה, דאס איז די פשט. אנדערש ווי למשל נארמאלע זאכן וואס ווען ס'איז לח, איז נישט דא קיין חשש, דאס איז מער חמור.

**פת איז אנדערש פון גדי — דער נייער שיעור**

און אויך אזוי, די יומרא דבניו איז ענליך אביסל צו בן דרוסאי. פארוואס טאקע דא, די דרמה מיי... פארוואס דא... איך מיין, א לעבעדיג לחם, מ'לייגט א פת ערב שבת גליך פארן זמן, לייגט מען א רויע פת. געוועגליך ביי למשל זאכן אזוויי א גדי, וואס איז אויך די זעלבע זאך וואס שמא יחתה יפסיד, טאר מען לייגן גלייך. דא טאר מען נישט, ווייל ס'דארף זיין יקר מפניו.

רייט, די טעם פארוואס ס'איז אנדערש, אנדערש פון ביידע זאכן, ס'איז זייער אנדערש פון די זאכן וואס אלעמאל יחתה העלפט זיי, ווייל זייער נאך יקר מפניו שאדט עס שוין. אבער פארדעם פעלט עס יא אויס די יחתה, אז מ'זאל ווארטן ס'זאל יקר מפניו. ס'איז א נייע שיעור, נישט קיין שיעור בן דרוסאי, ס'איז א נייע סארט שיעור.

און וואס איז טאקע די ענין? וואס געשעט אויב מ'לייגט אריין א רויע ברויט? ס'וועט נישט זיין די היתר פון שמא יחתה יפסיד? רייט, פארוואס זעט אויס אז דעמאלטס דארף מען יא. ברויט פעלט אויס. יא. ביז דעי, אזוי זעט אויס.

**עבר ועבר — במזיד ובשוגג**

ואם, יא, וואס איז עבר ועבר געווען? **ואם נתנו סמוך לחשיכה**, וואס איז עבר ועבר געווען? ער האט יא געלייגט ברויט בתנור בחשיכה, **ועדיין לא קרום פניו**, ס'איז נאך נישט געווארן ערב שבת אביסל געבאקן ביי די זייט ביי די תנור. איז אזוי, **אם במזיד**, אויב ער האט עס געטון במזיד, דאס איז לחם, מ'רעדט פון מוצאי שבת, מ'האט אים געדארפט האבן שבת, ס'איז געווען אן אפריה געלעגן. **ואם בשוגג, מותר לרדותו**, מ'מעג עס אראפנעמען, **מותר לרדותו בשבת**, מ'מעג עס אראפנעמען בשבת, **מותר לרדותו לצורך סעודות שבת**. מ'מעג עס אראפנעמען בשבת, מ'מעג נאר אראפנעמען מותר לצורך שלוש סעודות. דהיינו, אויב ס'איז א האלבער קנס, בשוגג געבט מען אים א האלבער קנס. אנדערש ווי פריער איז געווען בשוגג בכלל נישט געווען קיין קנס. בשוגג זאגט מען אז וויפיל ער דארף האבן פאר די דריי סעודות פון שבת מעג ער נעמען.

#### דיסקוסיע: פארוואס דא א היתר לצורך סעודות שבת?

**Speaker 2:** יא, לכאורה דאס איז ווייל ס'איז זייער א גרויסע מצוה צו עסן פת ביי די סעודות שבת. פלייש, אויב ער האט עס געמאכט בשוגג, אה, ס'איז נישט אזא חשיבות. אבער נישט האבן קיין לחם משנה.

**Speaker 1:** ניין, אבער די רמב"ם האט געזאגט אויך ביי פלייש, בשוגג מעג מען.

**Speaker 2:** ניין, נישט נאר מוצאי שבת. מוצאי שבת בפרט, דאס האט די רמב"ם געזאגט.

**Speaker 1:** אה, מוצאי שבת דארף מען נישט ווארטן.

**Speaker 2:** אפילו פאר א שיעור.

**Speaker 1:** יא, אם שכח, נאר אפילו מצמצם ורבה, אפילו הוא בשל כל צרכו, א זאך וואס פעלט אויס, וואס דא איז ענליך צו דעם, וואס ער רעדט מוצאי שבת. אבער פשוט איז דא א ספעציעלע היתר, לכבוד סעודות שבת האבן די חכמים געלאזט נאר טאקע פאר די סעודות. דאס איז די היתר. די היתר האט צו טון מיט די מוצאי שבת.

#### שיעור רדייה — וויפיל מ'מעג אראפנעמען

**Speaker 2:** ער טאר נישט אראפנעמען די גאנצע ברויט אויפאמאל. ער מעג ביי יעדע סעודה מעג ער אראפקראצן א שטיקל פון די אויוון, ס'דארף זיין רודה זיין.

**Speaker 1:** דו זעסט, די נעקסטע שטיקל, לאמיר זען. **"כשיעור רודה"**, ווען מ'נעמט אראפ א שטיקל פון די פת. פאר דעם, פאר דעם, דאס שטייט, ס'שטייט אן עקסטערע הלכה. **"מותר לרדות פת מן התנור שלוש סעודות"**, מיינט אז די שיעור, ער קען גלייך פרייטאג צונאכטס נעמען דריי בולקעס, וואטעווער, דריי, וויפיל ער דארף פאר די דריי סעודות. וואס מיין איך? חוץ פון דעם וואס ער האט אן איסור פון דיות הפת, דארף מען זען וואס דאס מיינט.

#### רדיית הפת בשינוי

ער זאגט דאך אבער, **"כשיעור רודה"**, אפילו באופן המותר מעג מען יא, ווען מ'האט יא געלייגט ווען ס'איז שוין יבש מפניו. אבער נאר מ'נעמט אראפ די ברויט פון וואו ס'איז צוגעקלעבט אויף די... דארט וואו ס'איז צוגעקלעבט אויף די תנור מיט אפשר א כלי. ער זאגט אז מ'זאל נישט נוצן די כלי כדי ער זאל נישט אויסרעכענען די כלי מיט וואס ער... די שיבר נוצט ער דארט אראפצונעמען ברויט. **אלא בסכין וכיוצא בו**, מ'זאל עס טון מיט א שינוי, אז ס'זאל נישט אויסקוקן ווי מ'איז עוסק באפיה ובישול בשבת.

#### דיסקוסיע: איז דא אן איסור לכתחילה ברדיית הפת?

**Speaker 2:** רייט, סא דא איז דא אן איסור דרבנן צו מאכן רדיית הפת אין שבת.

**Speaker 1:** ער זאגט אז ס'איז נישט גלייך, ער ברענגט פון חכמת אדם אין מלכים, אז ס'איז דא אן איסור לכתחילה דאס צו טון.

**Speaker 2:** יא, אבער ס'קען זיין... ניין, די חכמת אדם זאגט אז ס'איז נישט אפילו אן איסור געווענליך. ס'קען זיין, ער ברענגט אז די ר"ן און אנדערע האבן שוין געזאגט אז דאס איז נאר ווען ער האט געטון אן איסור. זיי האבן געלערנט, אויב...

**Speaker 1:** אבער ס'שטייט דאך אויף די מותר לרדות, וויאזוי איז מותר לרדות? זיי האבן געטון ב...

**Speaker 2:** אזוי, ס'איז דא א המשך.

**Speaker 1:** אבער אויב ער האט געמאכט באופן המותר, אזוי זאגט ער פון נישט נאר די ר"ן, אויב ער האט געטון באופן המותר מעג מען יא עסן, ווייל ס'איז נישט קיין איסור מעשה שבת. אקעי.

#### הלכה יט: מדורה — פייער צום אנווארעמען

אונז האבן מיר ביז יעצט געלערנט הלכות שהייה פון א טאפ און אזעלכע זאכן וואס מ'באקט. יעצט גייען מיר לערנען פון א מדורה, ווען מ'מאכט א פייער כדי זיך אנווארעמען.

**Speaker 2:** אות א'. איך קען לערנען? יא.

**Speaker 1:** אות א', די מדורה. א מענטש קען מאכן א מדורה **בכל דבר שירצה**, פון וואס ער וויל. דאס הייסט, ס'איז נישטא די הלכות פון קשי גפנים ועצים וכדומה. א מדורה, א מענטש קען מאכן א מדורה פון וואס ער וויל. **בין על גבי קרקע בין על גבי מנורה**, סיי אויף די ערד גלייך אדער א מנורה, עפעס א... מנורה מיינט כפשוטו, א מנורה, א לאמפ. אקעי. דאס הייסט, א מדורה, אבער די פוינט איז ער מאכט עס זיך אנווארעמען, נישט קאכן דארט.

**ומדליקין מדורה**, אה, אדער פאר א... אז מ'זאל קענען זען. **ומדליקין מדורה בערב שבת סמוך לחשיכה, ומשתמשין לאורה או מתחממין כנגדה בשבת**. ס'איז נישט אנדערש ווי לעכט, יא. אויך אנדערש ווי לעכט. לעכט איז משתמש לאורה בשבת. אה, אבער די מדורה... פאר א מדורה איז נישטא קיין "אין מדליקין", ווייל ס'איז גרויס. זייער גוט.

#### תנאי רוב ביי מדורה

אבער ס'איז דא פארשידענע יא תנאים וואס ער דארף טון, כדי שלא יחתה וכדומה. איין זאך איז, **צריך שידליק רוב המדורה קודם שתחשך**. רוב פון די פייער דארף שוין ברענען פאר ס'ווערט נאכט, **עד שתהא השלהבת עולה מאליה קודם השבת**, אז מ'זאל שוין נישט דארפן ארומפאטשקען דערמיט. אפילו ס'איז נאך נישט די גאנצע, אבער איינמאל רוב, ווייסט מען אז די איבריגע גייט שוין אויך אנהייבן בקרוב ברענען. אבער אויב האט מען נישט אנגעצונדן די רוב, איז נאך אלץ דא א חשש אז מ'גייט מישן אין די פייער, מ'גייט מאכן זיכער אז די גאנצע פייער צינדט זיך אן. **ואם לא הדליק רובה, אסור להנות ממנה בשבת, גזירה שמא יחתה בה, ויניח שם עצים מתרמקין כדי שתהא השלהבת עולה מאליה**, אז ס'זאל זיך גוט אנצינדן, און ס'זאל נישט אויסזען אז מ'האט עס געדארפט אנווארעמען, טאר מען נישט.

זייער גוט.

#### ביי איין שטיק האלץ — רוב עוביו ורוב היקפו

**ואם הדליק עץ יחידי**, דו זאגסט אויב ס'איז דא א באנטש העלצער זאגסטו רוב. אויב ס'איז איין האלץ, וואס איז דעמאלטס די דין? אבער וואס טוט זיך אז ס'איז איין לאנגע האלץ, וויאזוי מעסט מען דארט די רוב? דאס הייסט, אויכעט דער רוב. עס דארף זיין א רוב. וויאזוי מעסט מען די רוב? **"צריך להיות רוב עוביו ורוב היקפו"**. עס האט צוויי מיני רוב. עס איז נישט גענוג אז איין זייט האלץ ברענט, נאר רוב פון די דיקקייט פון די האלץ, און רוב פון די היקפו. דאס הייסט, למשל, עס איז דא איין האלץ, די לענג און ברייט. די לענג און די ברייט, דאס איז די היקפו. רוב היקפו מיינט פון אלע זייטן. דאס הייסט, עס איז דא רוב עוביו, דאס איז די דיקקייט, די גאנצע שטיק האלץ.

דאס הייסט, די לענג, עס איז נישט... וואס הייסט רוב עוביו און רוב היקפו? ס'איז די דיקקייט. אפשר נישט פון אינעווייניג קען זיין ס'ברענט נישט, פון אינדרויסן, אפשר עפעס אזוי.

### הלכה כ: מדורת בית המוקד — כהנים זריזים הם

אה, דא קומט נאך א היתר. **"במה דברים אמורים? בגבולין"**. די מדורה וואס מען זאגט אז מ'טאר נישט אנצינדן איז בגבולין, דאס הייסט אין דרויסן פון ארץ ישראל, פון די בית המקדש. אבער אין די בית המקדש, **"מחזירין את האור"**, מעג מען יא אנצינדן די פייער ערב שבת עם חשיכה, **"בעצים של מדורת בית המוקד"**. מען צינדט אן די עצים אין מדורת בית המוקד. עס איז דא א פלאץ אין די בית המקדש וואס איז די מדורת בית המוקד, וואו פון דארטן צינדט מען אן עצים, האלץ. מעג מען אנצינדן האלץ. מ'רעדט נישט אויף די מזבח, רייט? ערגעץ וואו איז דא א פייער.

**Speaker 2:** ניין, ניין, אין בית המוקד. דאס איז די בית המוקד, דאס איז די פלאץ וואו מ'טראגט ארויס די קרבנות וואס מ'ברענגט. די כהנים ווארעמען זיך. אה, פאר וואס ווארעמען? ס'איז נישט... יא, ס'איז די עבודה. אהא.

**Speaker 1:** **"ואין חוששין שמא יחתה"**. **"שהכהנים זריזים הם"**. כהנים זענען זריזים, ממילא דארף מען נישט חושש זיין. זריזים מיינט דא צו זאגן נישט אז זיי זענען שנעל, רייט? זריזים מיינט זיי געדענקען אז ס'איז שבת, און זיי גייען נישט חותה זיין אפילו אין די וואך וואס וואלט יא מחיתה געווען. אזויווי בני חבורה זריזים הם. איך מיין די ענין איז, אפשר כהן קען זאגן, ווייל א כהן טוט יעצט די עבודה. אבער ווען מענטשן טוען עפעס צוזאמען מיט א חבורה, אן ערנסטע זאך, לייגן זיי צו קאפ. מען טוט נישט זאכן רענדאם.

כהנים, מען טראסט די כהנים. מען טראסט נישט סתם מענטשן, מען טראסט כהנים.

**Speaker 2:** ניין, אבער איך רעד למשל בני חבורה. איך טראכט ביים סדר, וואס שטייט אין די מחזור אלעס וואס מען דארף טון, מען פאטשקעט נישט סתם. א מענטש טראכט מער, מען מעג, מען טאר נישט, ווייל מען איז יעצט בחבורה און מען טוט יעצט א מצוה צוזאמען, עס איז מער...

### הלכות שבת — דינים פון אנצינדן פייער ערב שבת (המשך)

#### בני חבורה — דיגרעסיע

**ר' זלמן:** אזוי ווי בני חבורה. איך מיין די ענין איז, אפשר א כהן קען זאגן, ווייל א כהן טוט יעצט די עבודה, אבער ווען מענטשן טוען עפעס צוזאמען מיט א חבורה, אן ערנסטע זאך, לייגן זיי צו קאפ. מען טוט נישט זאכן רענדאמלי. כהנים, מען טראסט די כהנים. מען טראסט נישט סתם מענטשן, מען טראסט כהנים. ניין, אבער איך רעד למשל בני חבורה. איך טראכט ביים סדר, וואס שטייט אין די מחזור אלעס וואס מען דארף טון, מען פאטשקעט נישט סתם. מענטשן טראכטן מער, "מ'מעג? מ'טאר נישט?" ווייל מ'איז יעצט בחבורה, מ'טוט יעצט א מצוה צוזאמען, איז עס מער...

### הלכה כא — מדורה פון קנים אדער גרינים

אקעי, **"הוציא מדורה של קנים או של גרינים"**. וואס טוט זיך אויב מ'האט געמאכט א פלאם נישט פון העלצער, נאר פון צווייגלעך? קנים, נו, קנים. זייער גרינגע זאכן וואס כאפן זיך אן אין פייער. דינע געוויקסן. יא. **"או של גרינים"** מיינט נישט אטום, ס'מיינט קערלעך, אזעלכע זאכן. דארט איז נישט די הלכה אז די רוב פייער דארף ברענען איידער מ'טאר זיך לייגן ארויף. נאר די מיני זאכן צינדן זיך שנעל אן. ממילא, איינמאל ס'ברענט שוין אביסל, גייט נישט דער מענטש מחלל זיין, ווייל ער ווייסט אז איינס ס'ברענט שוין אביסל, נאך אביסל גייט שוין זיין געווג א גרויסע פייער. **"כי יראה שרובם ישרפו קודם השבת"** איז די מיטל אין שטאמבא. ווייל די פייער ווערט שנעל אנגעצינדן, וועט ער נישט צוריק לייגן.

#### אגד את הקנים — צאמגעבינדענע קנים

**לפיכך**, זאגט די רמב"ם, ממילא פארשטייטסטו אליין אז דאס איז נאר ווען די קנים און גרינים זענען צעשפרייט, צינדט זיך עס שנעל אן. אבער אויב מ'וועט נעמען קנים און גרינים און זיי מאכן אז ס'זאל זיין אזוי ווי עצים וואס זאל זיין קאנדענסד, און דעמאלטס צינדט זיך עס טאקע אן שוואכער, און דעמאלטס האט עס די דין ווי עצים. למשל, ער האט **אגד את הקנים**, ער האט זיי צאמגעבינדן, אדער ער האט אריינגעלייגט די אלע גרינים אין א קהילה און עס אנגעצינדן, דעמאלטס ברענט זיך עס נישט, ס'געט זיך נישט א שנעלע ברען, נאר ס'איז אזוויי עצים וואס ס'דויערט ביז ס'צינדט זיך אן. און דעמאלטס איז זיין די הלכה **"צריך שתהא שלהבת עולה מאליה קודם השבת"**, מ'דארף אנצינדן פון זיך אליין קודם השבת.

### הלכה כב — מדורה פון זפת, גפרית, רוויו, קירה

נאך איין הלכה ענליך. וואס טוט זיך א פלאם פון זפת או גפרית? זפת האבן מיר היינט אינדערפרי געשמועסט איז פסולת של זיתים, אדער גפרית, שוועבל. **"או של רוויו, או של קירה"**. וואס איז קירה? רוויו איז די זאך וואס די אטום חכם טאר נישט האבן אויף זיין בערגער. פעט. אן אנטשין פעט. אה, כירה שבה. אבער מען זעט ביי די מדליקים יא, אושיל קש, אושיל כבה. איינער איז געווען א ליידיגער, ליבער קודם השבת. ס'איז א משל, אש מדלקת את עצמה, די פייער ברענט עס שנעל אויס, און נאך אביסל וועט שוין גארנישט בלייבן פון דעם.

#### מוסר-השכל — אנגרייטן צו שבת

איך מיין וואס מען מען לערנט ארויס פון דא איז, אז ערב שבת דארף שוין זיין געגוג אנגעצינדן אז ס'זאל זיין שלהבת עולה מאליה בשבת. א איד דארף זיך אנגרייטן צו שבת, ער דארף זיך אנגרייטן צו שבת. יא, ווייל איינער זאל נישט דארפן זיין שבת, דו זאלסט נישט דארפן זיין אין שבת קרעכצן אזוי. מען דארף זיין פריילין. מען דארף שוין זיין שבת'דיג פאר שבת. געוואלדיג. וואס איז די ענד פון פרק? ג', יא.